STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03780

# DRAYTSEHN FEREYNIGTE SHTAATEN

Sholem Aleichem

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# 13 פעראייניגטע שטאאטען

ווער עס איז באַקאַנט מיט דער קולטור געשיכטע, ווי אַזוי די מענשליכע געזעלשאַפט האָט זיך אַנטוויקעלט, דער וועט זיך ניט וואונדערן אויף אונז, דרייצעהן ראַבינזאָנס אויף די „דרייצעהן אינזעל" וואָס אונז האָט זיך פערגלוסט איינטהיילען זיך מיט אונזער גוטס. אונזערע עלטער-עלטער-זיידעס האָבען אויך אַזוי געטהאָן. פריהער אַז זיי זענען געווען נאַמאַדען, געפיטערט פיה, זענען זיי אַרומגעגאַנגען מיט זייערע שאָף און רינדער פראַנק און פריי איבער פעלדער און וועלדער. שפּעטער אָבער, אַז זיי האָבען זיך אָנגעהויבען באַזעצען אויף לאַנד, זיך גענומען צו ערד אַרבייט — אָט דאַ האָבען זיך אָנגעהויבען קריעגערייען, געשלעגערייען, מלחמות, בלוט האָט געריננען טייכענווייז. יעדער האָט געוואָלט פערחאַפּען וואָס מעהר, און ווער ס'איז געווען שטאַרקער, דער האָט גובר געווען. אויך מיר, דרייצעהן ראַבינזאָנס, זענען פריהער געווען נאַמאַדען, געפיטערט די פיה (ציגען) אויפ'ן באַרג, געלעבט פון באַנאַנעס און פון ניס, וואָס וואַקסען אויף די בוימער און געווען צופרידען. שפּעטער אָבער אַז דאָס דאָזיגע לעבען האָט זיך אונז צוגעגעסען, האָבען מיר אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ ישוב, וועגען קאָלאָניזירען אונזער טעריטאָריע, זיך איינטהיילען מיט דער ערד, מיט'ן וואַלד, מיט די בוימער, מיט די פיה און מיט'ן איבעריגען גוטס. דער חלוק איז נאָר, וואָס אונזערע אור-אור-עלטערן פאַרצייטען האָבען דאָס געטהאָן מיט גבורה, מיט מלחמות און בלוט פערגיסונגען, ווערענד ביי אונז איז דאָס אָפּגעגאַנגען;

דאַנקען גאָט, אָהן מלחמות, אָהן געשלעג און אָהן מחלוקת. עס איז ניט פערגאָסען געוואָרען קיין טראָפּען בלוט; עס איז ניט געווען קיין פּערדראָס, קיין קנאה־שנאה, און קיין גורל אויף לאַנד, ווי משה רבינו האָט אָנגעזאָגט, האָבען מיר אויך ניט געוואָרפען. און ס'איז גאָר קיין חדוש ניט: עס איז געווען ביי אונז פון כל טוב אַזוי פיעל און אַרבייטען האָבען מיר בעדאַרפט אַזוי ווינציג, אַז ס'איז ניט געווען איבער וואָס צו קריעגען זיך. יעדער איינציגער פון אונז האָט זיך אָפּגעקליבען זיין שטיק באַרג, זיינע בוימער, זיינע באַנאַנעס, זיינע ניס, זיינע בלומען, זיינע פיה (ציעגען).

און אַט אויף אַזאַ מין אופן איז זיך יעדער פון אונז געוואָרען אַ בעל הבית פאַר זיך, מיט אַלעם גוטען, מע קאָן זאָגען אַ פּירשט. דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פּירשטען! און אַלע זענען מיר געווען העכסט צופריעדען. פריהער, אַז מיר זענען געווען אַלע אינאיינעם, איז אונז קיין זאַך ניט געווען ליעב. איצטער, אַז מיר האָבען זיך צוטהיילט, איז אונז אַלסדינג געוואָרען טייער. יעדער פון אונז האָט ליעב געקריגען זיין קאָלאָניע, זיין טעריטאָריע, זיין שטיקעל וואַלד, זיינע בוימער, זיינע ציעגען, זיין הייל. איטליכען פון אונז איז געוואָרען אַנגענעהם דער געדאַנק, אַז ער עסט זיינע אייגענע באַנאַנעס, אַז ער קנאַקט זיינע אייגענע ניס, אַז ער טרינקט זיינע „אייגענע" מילך פון זיינע אייגענע ציעגען... איהר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגען? עס ליעגט עפּיס אין דעם אייגענטהום אַ בעזונדער מין זיסקייט. לאָז זיך אונזער „סאָציאַליסט" רייסען אויף די גלייכע ווענט! איך האָב געהאַט גענוג צייט נאָכצוקוקען נאָך זיך און נאָך זיינע קאָלעגען, די אַלע ראָבינזאָנס, וואָס אויף דער „דרייצעהן אינזעל", שטודירען יעדענס כאַראַקטער, מעלות און חסרונות. איך האָב בעמערקט אַ משונה'דיגע זאַך: דער וואָס מיר האָבען איהם גערופען „סאָציאַליסט", דער וועלכער האָט אָפּגעלייקענט אייגענטהום, דער וועלכער האָט אויפגעוויעזען פון די גרעסטע אויטאָריטעטען, אַז אייגענטום איז גזלה, אָדער ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף זיין האַלב רוסישען דיאַלעקט: „סאָבּסטווענאָסט איז גראַבּיעזש" — אַט דער זעלבער סאָציאַליסט אַז עס האָט זיך געטראָפען למשל, איינער על פּי טעות איז אַריין צו איהם אין זיין חלק בוימער און האָט זיך צוגעכאַפּט צו זיינע באַנאַנעס, האָט ער, דער סאָציאַליסט, פערגעסען אין דעם מאָמענט זיינע קאָמוניסטישע אידעען און האָט יענעם געגעבען אַ חיסטען סוף, ער זאָל ניט האָבען קיין „פּריוויטשקע" (געוואָהנהייט) „זאַליעזאַיען" (פאַרקריכען) צו יענעם אין די „קעשענעס" (טאַשען). יאָ מיינע ליעבע פריינד, איהר מעגט אייך

זאָגען וואָס איהר ווילט. די טהעאָריע מיט דער פּראַקטיק װענען זיך צווײ באַזונדערע זאַכען. דעם בעסטען סימן האָב איך פון זיך זעלבסט. למשל, איך בין טהעאָרעטיש אַ גרויסער חסיד פון װעגעטאַריזם, און אַ גרויסער גע־נער פון פלייש. און באמת טאַקי, וואָס קאָן זיין מעהר אַבשײליך ווי נעמען, למשל, אַ הוהן, אַ לעבעדיגעס וועזען, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיג, קוילען דאָס מיט אַ מעסער, צושניידען דאָס אויף שטיקער, לייגען אין טאָפּ אַריין, קאָכען אויפ'ן פייער און נאָכדעם דאָס אויפפרעסען? ווי באַלד אַזוי, וואָס איז דער אונטערשייד פון מיר ביז אַ ווילדע חיה, אָדער ביז אַ ווילדען מענשען? מיט דעם שטעה איך העכער וואָס זיי עסען דאָס רויהער הײט און איך עס דאָס צוגעבראָטען אויפ'ן פייער?.. מיר, אַלע דרייצעהן ראַבינזאָנס אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל", װענען געװעזען אַזוי ווײט װעגעטעריאַנער, אַז מיר האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט, אַז טאָמער װעלען מיר אַמאָל אויפ־געריכט ווערען פון דאַנען, זאָל קיין פלייש, קיין פיש און קיין אַנדער דבר מן החי נישט קומען צו אונז אין מויל אַריין! אַי אָבער האָבען מיר גע־בענקט נאָך אַ ראָסעל-פליישעל מיט קאַרטאָפלעס! נאָך אַ שטיקעל געפילטע פיש מיט פעפער! אַ קאָטלעט, אַ יויכעל, אַנאַיי, אַ סאַרדעלל!! מע מוז זיך מודה זיין אַז די באַנאַנעס מיט די ניס מיט די ציגענמילך האָבען זיך אונז אַזוי צוגעגעסען, אַז מיר וואָלטען דאָס אַלעס אַוועקגעגעבען פאַר איין פרישע ברייטעל אָנגעשמירט מיט קנאָבעל און פאַר איין שטיקעל הערינג, פאַר איין ציבעלע מיט שמאַלץ! איך בין דערגאַנגען אויף אונזער „דריי־צעהן אינזעל" אַ פּראַקטיקע און איך האָף, און אַלע מיינע אינזעל קאָלעגען װעלען דאָס מיר מיטגעבען, אַז ס'איז זעהר גוט צו זיין אַ װעגעטעריאַנער און עסען חאָטש איין מאָל אין טאָג פלייש!..

דאָס איז אָבער אַלסדינג נישט מעהר ווי חלומות. מיר, דרייצעהן ראָ־בינזאָנס, װענען אַפּגעריסען מיט'ן גרויסען שטורמישען ים פון דער גאַנ־צער וועלט. מיר, דרייצעהן ראָבינזאָנס, מוזען זיך באַגנוגענען מיט דעם, וואָס מיר האָבען, און זיין צופריעדען מיט באַנאַנעס, מיט ניס און מיט ציגענ־מילך אַלע יאָהרען. וויפיעל אונז איז נאָך באַשערט דאָ צו פערבלייבען. און בכדי די צייט זאָל אונז ניט זיין לאַנג-ווײליג, בכדי מיר זאָלען פערגעסען אונזער עלענד, פערטיעפען מיר זיך אין אַלע קלייניגקייטען פון אונזער לעבען, יעדער אין זיין לאַך, אָדער ווי מיר רופען דאָס, אויף זיין טעריטאָריע, אין זיין קאָלאָניע, זיין אייגענטום, זיין גוטס, זיינע אינטערעסען, ווילט זיך יעדען באַשטעטיגען, באַשיצען, פערהיטען זיינע אינטערעסען אָדער, איך וואָלט

געזאַנג: געזעגלוך בערעכטיגען. אַלע טאָג קומען מיר זיך צונויף אין דער בעשטימטער צייט אויף אַ בעשטימטען פּלאַץ. אַ פּלאַץ אויף צו שטיעסען האָבען מיר שוין לאַנג אָפּגעקליבען זעהר אַ שעהנעם: אַ בעזונדערע בערגעל אונטער אַ גרויסען בוים. אויף דער ערד — בלומען. פאַר אונזערע אויגען — דער אַלטער בלויער ים מיט די רוישענדע כוואַליעס, וואָס הערט ניט אויף צו ברומען און צו רייצען זיך מיט אונז, אַז דאָרט אויף יענער זייט, האָט יעדער פון אונז אַ היים, עלטערן, קינדער, ברידער, שוועסטער, פריינד און בעקאַנטע, וואָס קוקען אַרויס אויף אונז מיט טרערען אין די אויגען, אָדער אפשר האָבען זיי אונז שוין לאַנג פערגעסען?.. ווער קאָן דאָס וויסען? אַלע טאָג פלעגען מיר זיך צונויפקליבען אָט דאָ אונטערן בוים, אָדער ווי מיר האָבען דאָס אַ נאָמען געגעבען „דער פּאָליטישער קלוב“, אַ ביסעל שמועסען אָדער גלאַט אַזוי זיצען און קוקען אויף דעם אַלטען בלויען ים, און מיר הערען זיך צו, ווי ער ברומט, דער אַלטער בלויער ים, ווי די כוואַליעס רעדען; און מיר דערצעהלען איינער דעם אַנדערען צום הונדערטען מאָל זיין ביאָגראַפיע, זיין פערגאַנגענהייט. יעדער רעכענט אויס זיין פאַמיליע, זיינע אייגענע און געטריינע ביי די נעמען, יעדער מאָלט אויס איטליכעס פיזיאָנאָמיע, יעדענס כאַראַקטער, יעדענס מעלות און חסרונות. אַזוי פיעל מאָל ווערט דאָס אַלעס איבערגעקייט, אַז מיר קאָנען שוין איטליכען מיט זיין גאַנצער משפחה און מיר ווייסען אויף אויסווייניג אַלעס וואָס מיט עמיצען האָט ווען פּאַסירט...

אָט דאָ אונטערן בוים, אין אונזער „פּאָליטישען קלוב“, האָבען מיר זיך צונויפגעקליבען אַלע דרייצעהן צו בעשפּרעכען, בעטראַכטען די לאַגע און צו קלערען אַ מיטעל ווי אַזוי מיר זאָלען איינאָרדנען אונזער לעבען פון היינט אָן און ווייטער פון אַלע זייטען: פּאָליטיש, סאָציאַליש און עקאָנאָמיש, דאָס הייסט, מיר זאָלען מאַכען אַזוי, אַז יעדער פון אונז דרייצעהן זאָל זיך מאַכען זיין אַ פריץ פאַר זיך, אונאָבהענגיג פונים אַנדערען, און דאָך זאָלען מיר אַלע זיין איין משפחה, איין פּאָליטישע מאַכט אין פאַל טאָמער פאַלען אויף אונז אָן ווילדע מענשען אָדער ווילדע חיות.

זעלבסט פערשטענדליך, אַז דער געדאַנק רופט אַרויס ביי אונז, ווי אַלע מאָל, היציגע דיסקוסיעס און פייערדיגע דעבאַטען. יעדער גיט אויף זיין פּלאַן. דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פּלאַנען. פריהער פון אַלע גיט אויף זיין פּלאַן דער מיליאָנער, אָדער ווי מיר רופען איהם דער „קאַפּיטאַ-ליסט“. מערקווירדיג! דער גייסט פון קאַפּיטאַליזם האָט אין אונזער יעדער-

הונדערט מיט זיינע אייזערנע הענד אזוי שטארק ארומגענומען די גאנצע וועלט, אז אפילו ביי אונז, אויף אונזער „דרייצעהן אינזעל“, האט ער אויך א געוויסען איינפלוס. אומעדום און אלע מאל, אז מע דארף עפּיס אנהויבען רעדען וועגען אַניעניך, וואס איז נוגע צו אונז אלעמען, ווער שטעלט זיך ארויס פריהער? — דער קאפּיטאליסט! ער איז א פּנים פון קינדווייז אן אזוי געוואהנט געווארען צו זיין אומעדום דער ערשטער, אז ער פערשטעהט גאר אנדערש ניט, נאטירליך, רופט דאס ארויס אונצופריעדענהייט ביי איינינע פון אונזערע קאלאניסטען. דער „סאציאליסט“, למשל, איז איין מאל ארויס מיט א פּראטעסט גאנץ אפענטליך און האט א פרעג געטהון ביים קאפּיטאליסט די אלטע פראגע: „מי שמך? ווער האט אייך געמאכט פאר א קאפּראל?“

סקאקאי סטאטי נעמט אידר זיך אלע מאל די פּראווא (דאס רעכט) צו זיין א פּרעדסעדאטעל (פּאָרזיצענדער)?.. אזוי האט אידם איצטינס מאל א חאפּ געטאן דער „סאציאליסט“ אויף זיין האלב רוסישען דיאלעקט.

דער „קאפּיטאליסט“ איז אבער א מענש א געלאסענער, מיט א שטילען, גלייכען כאראקטער. ער האט דעם „סאציאליסט“ אויסגעהערט מיט א לייכט שמייכעלע אויף די ליפּען, אויפגעשטאנען, אבגעטראטען אידם דאס ארט און א זאג געטהון זעהר העפליך:

זייט אידר דער פּאָרזיצענדער...

דאס האט געמאכט אויף אונז אלעמען אזא גוטען איינדרוק, אז מיר אלע (אויסער דעם „סאציאליסט“) האבען געבעטען דעם „קאפּיטאליסט“ ער זאל בלייבען אויף זיין ארט, און דער „קאפּיטאליסט“ האט אונז צוליעב געטהון און איז געבליעבען אויף זיין ארט.

דער פּלאן, וואס דער „קאפּיטאליסט“ האט פּארגעלייגט, איז געווען א גאנץ איינפאכער פּלאן פון א מין „בורזשואזנע קאנסטיטוציע“, ווי דער סאציאליסט האט דאס אנגערופען. לויט דעם דאזיגען פּלאן דארפען מיר אלע דרייצעהן קאלאניסטען בילדען א שטאאט פון דרייצעהן פּראווינצען, וואס ווערען בעהערשט פון איין אויסגעוועהלטען פּרעזידענט. דער פּרעזידענט, אלס פּארשטעהער פונ'ם פאלק, האט צו שאפען איבער אלע קאלאניסטען, צו זארגען וועגען זייערע אינטערעסען, אויסהערען זייערע אנקלאגען און ריכטען זיי לויט זיין פערשטאנד און זיין געוויסען...

דא האט שוין דער „סאציאליסט“ מעהר ניט געקענט איינזיצען. ער האט זיך אויפגעכאפּט ווי אן אנגעברידטער און האט אנגעהויבען צו פייערן

און צו שיסען מיט ווערטער: „אויטאָקראַטיע“? „אַבסאָלוטיזם“? „סאַמאָדער־זשאַוויע“?

— פּטור! וואָס זשע איז? — שטעלט זיך אַרויס דער ליטוואַק דער אָרטאָדאָקס — ווי באַלד מען שמועסט פון אַ מלוכה, אודאי דאַרף מען זעהן אַ מלך, ווי אין פּסוק שטעהט: שום תשים עליך מלך — זאָלסט דיר אַוועק־שטעלען אַ קייזער...

— בכדי עס זאָל זיין וועמען צו מאַכען שבת און יום־טוב אַ „הנותן תשועה“?...

אַזוי ווייצעלט זיך איינער פון די צוויי אינטעליגענטען, דאַכט זיך, דער ציוניסט, און דער אָרטאָדאָקס ענטפערט איהם:

— געוויס! ווי אונזערע חכמים האָבען אונז געלערנט: „הוי מתפלל — זאָלסט תפילה טהון פאַר׳ן מלכות, וואָרום ווען ניט די מורא פאַר׳ן מלכות, וואָלטען מענשען איינגעשלונגען איינס דאָס אַנדערע לעבעדיגערהייד“...

צו בעמערקען, אַז די לעצטע ווערטער האָבען אַרויסגערופען אין אַלע עלעמענטען נאָר אַ געלעכטער. אפילו דער פּראָסטער מענש, דער „פּראָלע־טאַרי“, האָט געקוקט אויפ׳ן אָרטאָדאָקס אַזוי בייז, ווי אויפ׳ן גרעסטען שונא. עס איז קיין ספק ניט, אַז אַלע קלאַסען זענען געווען פריי געזאָנען. עס איז ניט געווען קיין איינציגער, אַחוץ דעם אָרטאָדאָקס, וואָס זאָל וועלען אַ מאָ־נאַרכי. גאַנץ מעגליך, אַז דער אָרטאָדאָקס אַליין האָט אויך ניט אַזוי שטאַרק גע־בענקט נאָך אַ זעלבסטהערשער. נישט מעהר — דער פּסוק! וואָס טהוט מען מיט אַ פאַרטיגען פּסוק?...

דאַן איז אויפגעשטאַנען דער „אַטעאיסט“ פון אַמעריקאַ און האָט אויפ־געגעבען נאָר איין אַנדער פּלאַן, דהיינו: אַז מיר אַלע דרייצעהן קאָלאָניען זאָלען זיך מאַכען זיין דרייצעהן בעזונדערע שטאַאַטען; יעדער קאָלאָניסט זאָל זיך זיין אויטאָנאָמישער בעל־הבית פאַר זיך, נאָר אַלע דרייצעהן שטאַאַטען, דאָס הייסט אַלע דרייצעהן קאָלאָניען זאָלען זיך פעראייניגען „אַזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ“ און אַ פּרעזידענט זאָלען מיר זיך וועהלען מאַכען איינס פון אונז דרייצעהן, אַלע 4 יאָהר אַנאַנדער פּרעזידענט, „אַזוי ווי ביי אונז אין דהי יונייטעד סטייטס אָף אַמעריקאַ, און הייסען זאָל ער זיך: „דהי פּרעזידענט אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף דהי פוירסט דזשואיש רעפּובליק אָוו דהי טהוירטין איילאַנד אָף איזראַעל“. (דער פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק אויף די „דרייצעהן אינזעל“ פון ישראל).

— אך! דאס וואלט געווען זעהר שעהן! — רופט זיך אן דער אידעאליסט — איך האב שוין לאנג געטרוימט פון א יודישער רעפובליק.

— ניט פראקטיש! — שלאגט איהם איבער דער מאטעריאליסט — עס וועט אוועקגעהן די גאנצע צייט מיטין גאנצען פאפיר אויף אויסצושטעלען אזא לאנגען נאמען. שטעלט אייך פאר: „דהי פרעזידענט אף דהי יונייטעד סטייטס אף דהי פוירסט דזשואיש רעפובליק אף דהי טהוירטין איילאנד אף איזראיל“!.. א גאנצע מגלה!

— ערלויבען זיי מיר! — שטעלט אריין אויך די פרוי איהר ווארט. — פאר וואס זאלען מיר נאכמאכען אמעריקא? אויף וויפיעל איך ווייס, איז אמעריקא נישט קיין מאדערנעס לאנד. אלע מאדעס געהען פון פאריז. וואס געדט איהר פראנצויזישער רעפובליק? אדער דער רעפובליק פון דער שווייץ? אט בין איך געווען ערשט פאראיאהרען אין דער שווייץ. מיט מיין געטעליבען מאן בין איך געווען. אומעטום זענען מיר געווען. אין ציריך, מאנטרעע, אונטערלאקען... געזעהן דעם מאנבלאן... מיר דאכט, ס׳איז גאר ניטא אויף דער וועלט נאך אזא לאנד, ווי די שווייץ... ניצא איז אויך נישקשה פון א שטעדטעל... אין מאנטעקארלא קען מען אויך עפּיס זעהן... נאר אז מען וויל גוט לעבען, גוט און ביליג, זאל מען פאהרען אין דער שווייץ... ערשטענס — מילך... פאר צוויי סאן די בעסטע מילך...

— מיל פארדאן, מאדאם! — ענטשולדיגט זיך פאר דער פרוי דער קאפיטאליסט — מיר רעדען דא ניט פון דעם וועלכעס לאנד איז בעסער אויף צו בעזעצען זיך, דא שמועסט מען וועגען וואס פאר א שטאאט מיר זאלען גרינדען דא ביי אונז, אויף אונזער אינזעל.

די פרוי ווערט רויט ווי פייער, ווארום זי פיהלט, אז זי האט זיך א ביסעל פערפערט געגען איהר אייגענעם ווילען, די צונג האט זיך אויפגעכאפט ווי א אונפערצוימט פערד און האט זי אוועקגעטראגען צו אלדע גוטע יאהר. דערמיט האט זי אונז איבערצייגט אז האטש זי איז א מאדערנע פרוי און האלט זיך ווי א מאנספיל, נאר א פרוי בלייבט א פרוי...

— ענטשולדיגט מיינע הערען. אז איך הויב אן צו רעדען פון דער שווייץ, דערמאן איך מיך ניט ווילענדיג אן מיין געטעליגען מאן... איך האב, אייגענטליך, נאר געוואלט זאגען, אז מיר געפעלט בעסער א פעדעראטיווע רעפובליק ווי אין דער שווייץ.

— און מיר געפעלט נישט ניט אייערע פעראייניגטע שטאאטען אין אמעריקא, און ניט די פעדעראטיווע רעפובליק פון דער שווייץ — זאגט דער נאציא-

נאַליסט. ווייסט איהר פאַר וואָס? ווייל ס'איז ניט נאַציאָנאַליסטיש, ניט יודיש. מע וואָלט בעדאַרפט צו טראַכטען עפּיס אַזאַ נאָמען, וואָס זאָל שמעקען מיט נאַציאָנאַליזם, וואָס זאָל זיין יודיש!...

— ווי באַלד אַז ס'איז יודיש — רופט זיך אָן דער ציוניסט — וואָלט איך געזאָגט מיר זאָלען זיך רופען אויפ'ן נאָמען פון דאָקטאָר הערצל...

— וואָס עפּיס הערצל? — פאָהרט איהם אַריין דער טעריטאָריאַליסט — פאַר וואָס ניט זאַנגוויל?

— וואָרום אַזוי! אויף הערצל'ס נאָמען וואָלטען מיר דאָס אָנגערופען: „הערצל־רעפּובליק"! וואָס פאַר אַ טעם האָט דאָס זאַנגוויל־רעפּובליק?

— וואָס פאַר אַ טעם האָט הערצל־רעפּובליק?

— אַ שענער משל! הערצל איז טויט, און זאַנגוויל לעבט נאָך!

— נו, וואָס זשע האָט איהר געוואָלט: זאַנגוויל זאָל אויך שטאַרבען? וואָס האָט ער אייך געטהון?...

— ווער זאָגט דען, ער זאָל שטאַרבען? לאָז ער אייך לעבען הונדערט און צוואַנציג יאָהר!

— טאָ וואָס זשע ווילט איהר?

— אויב איהר ווערט קיין פאַראיבעל ניט האָבען — אַזוי הויבט אָן ווי זיין שטייגער איז, מיט אַ ענטשולדיגונג, דער „פּראָלעטאַרי", וואָס האָט דערווייל צוגעהערט ניט און באַטאָגעס פאַר'ן גאַנצען עולם — אויב איהר ווערט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָלט איך אייך זאָגען מיין מיינונג. איך ווייס ניט, איך בין דאָך אַ פּראָסטער מענש, אַן אַרבייטער: מיר דאַכט, אַז מען דאַרף קיינעמס נאָמען ניט. ס'איז גאַנץ גענוג ס'זאָל הייסען „די יודישע רעפּובליק", אָדער „די ערשטע יודישע רעפּובליק" אָדער „די ערשטע יודישע רעפּובליק פון די דריי־צעהן פאַראייניגטע שטאַאַטען".

דער דאָזיגער פאָרשלאַג פונ'ם פּראָלעטאַרי איז אַזוי געפעלען אונז אַלעמען, אַז די גאַנצע רעפּובליק ווי איין מענש האָט גענומען אַפּלאָדירען און שרייען „בראַוואָ!" „בראַוואָ!"... דער סאָציאַליסט איז פון גרויס התפעלות, אַ פּנים וואָס מיר זענען אַ רעפּובליק, ניט קיין מאָנאַרכיע, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ שטיין און האָט אויסגערעדט אויף זיין רוסישען דיאַלעקט:

— בראַטיאַ (ברידער)! דאַ זדראַווסטוועט סוואָבאָדאַ (עס לעבע די פרייהייט)! דאַ זדראַווסטוועט רעספּובליקאַ (עס לעבע די רעפּובליק)! דאַ זדראַווסטוועט פּראָלעטאַריאַט (עס לעבע דאָס פּראָלעטאַריאַט)! שרייט ברידער, הוראַ!

— הורראַ!!! — חאַפּען מיר אונטער און זעצען זיך אוים אַלע דרייצעהן פאָרשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען אַרום טיש און נעמען זיך מיט גרויס אַפּעטיט צו די זיסע באַנאַנעס מיט די פעטע ניס מיט דער פרישע ציעגענמילך, וואָס דער פּראָלעטאַרי האָט אונז צוגעגרייט, און מיר פערפיהרען אַ לאַנגען שמועס וועגען דער צוקונפט, וואָס ערוואַרטעט אונזער ערשטער יודישער רעפּובליק פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען, און וועגען די סטאַטוטען רעגלען און געזעצען וואָס מע דאַרף אויס אַרבייטען, און וועגען אַ פּרעזידענט ריהרט איינער אָן די פראַגע, דאָס הייסט: וועמען זאָלען מיר מאַכען פאַר פּרעזידענט?

אַלע אויגען האָבען זיך ניט ווילענדיג אַ קעהר געטהון צום מיליאָנער, צום קאַפּיטאַליסט, און דער קאַפּיטאַליסט האָט דערפיהלט, אַז אַלע אויגען קוקען אויף איהם, האָט ער זיך אויסגעגלייכט און האָט געוואָלט עפּיס זאָגען, האָט זיך אַרויסגעחאַפּט דער סאָציאַליסט, דער איינציגער עזות-פּנים, וואָס שטעהט שטענדיג אויף דער אָפּאָזיציע קעגען קאַפּיטאַליזם, און האָט אַ זאָג געטהון אויף זיין מאָדנעם רוסיש-יודישען דיאַלעקט:

— איך פערשטעה ניט, וואָס אָזנאַטשאַיעט (בעדייט) דאָס פערעגליאַרעווען זיך (וואָס מע קוקט זיך איבער)? מיר וועלען טהון אַזוי ווי אין אַלע פּראָגרעסיווע גאָסודאַרסטוועס (שטאַאַטען); מיר וועלען נאַזנאַטשען (בעשטימען) ווינבאָרעס (וואַהלען), און וועמען דער נאַראָד (דאָס פאָלק) וועט אויסקלייבען באָלשינסטוואָם גאָלאָסאָוו (מיט די מעהרהייט), דער וועט זיין פּרעזידענט!

— אַלזאָ קלייבען מיר אַ פּרעזידענט?

— יאָ. מיר קלייבען אַ פּרעזידענט!

דאָס קלייבען אַ פּרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק פאָדערט, נאָך אונזער מיינונג, אַ בעזונדערע בעשרייבונג.

---

## ו.

## 13 פּרעזידענטען.

דער וואָס האָט אַרומגערייזט די וועלט אַזוי ווי איך, דער וועט מיר צוגעבען, אַז די מענשהייט איז נאָך גאַנץ ווייט פון פאָלקאָמענהייט. די גרעסטע פּאַרלאַמענטען אין די בעריהמטע לענדער קאָנען זיך נישט בע-

דיגען, אַז זיי זענען נאָהנט צום פּאָליטישען אידעאַל. געהט זעהט ווי אַזוי אין דעם רעפּובליקאַנישען פראַנקרייך קאָכט זיך בשעת וועהלען אַ פּרעזידענט! אָדער נעמט דאָס פרייע גאָלדענע לאַנד אַמעריקאַ, די דעמאָקראַטישע רעפּוב־ליק. וועה־וועה, וואָס עס טהוט זיך אָב אין אַ עלעקשאָן יאָהר! פּאַרטייען, אינטריגעס, טעמעני האַלל און נאָך אַזעלכע שענע זאַכען, וואָס אַ פרעמדער וועט ניט גלויבען און וועט דאָס גאָר ניט פערשטעהן! דער פּאָליטישער קאַמפּף פיהרט זיך אומעטום אַזוי ביטער, אַז מענשען פערגעסען זיך, אַז זיי זענען מענשען. אַ ברודער שטעהט אויף קעגען אַ ברודער, אַ פאָטער אנערקענט ניט זיין קינד — ס'איז הימעל עפען זיך!

וואָס איז שוין דאָס חידוש, וואָס אין אונזערע דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק אויף אונזערע „דרייצעהן אינזעל״ האָט אַזוי געקאָכט, אַז ס'איז געקומען צום אויסקלייבען אַ פּרע־זידענט? קודם כל האָט מען בעדאַרפט „נאָמינירען קאַנדידאַטען״, דאָס הייסט, יעדער פון אונז, דרייצעהן ראָבינזאָנס, דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פאָרשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען, זאָל אָנרופען זיין קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט. נאַטירליך, זענען געווען צווישען אונז פער־שיעדענע פּאַרטייען און יעדע פּאַרטיי האָט זיך געהאַט איהרע אַנהענגער און איהרע געגנער. למשל, דער רייכער פאַבריקאַנט אָדער ווי מיר האָבען איהם אָנגערופען דער „קאַפּיטאַליסט״ האָט זיך געהאַט זיין זאָגענאַנטע קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטיי. זיינע חברים וואָס האָבען אַגיטירט פאַר איהם, זענען געווען: דער ליטוואַק, אָדער ווי ער האָט ביי אונז געהייסען „דער אָרטאָ־דאָקס״, די מאַדאַם (די איינציגע פרוי וואָס אויף אונזער אינזעל), דער נאַציאָ־נאַליסט, דער אידעאַליסט און דער מאַטעריאַליסט. סך הכל האָט ער געהאַט אויף זיין זייט 5 פּאַרשוין, וואָס האָבען אַגיטירט מיט אַלע כחות צווישען די אַלע איבריגע פאָרשטעהער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען. זיי זענען געווען שוין כמעט פאַרטיג מיט'ן פּוילישען יודען פון משה רבינו'ס פּאַליאַקען, וואָס מיר האָבען איהם אַ נאָמען געגעבען דער „אַסימילאַנט״. און ווען זיי שלעפּען אַריבער אויף זייער זייט נאָך אַ פּאָר שטימען, דאַן איז דער קאַפּיטאַליסט פערזאָרגט מיט אַ מעהרהייט פון 8 שטימען. אויפ'ן לעצטען פאַל האָבען זיי גערעכענט אויפ'ן אַרבייטער, אָדער ווי ער האָט ביי אונז געהייסען דער „פּראָלעטאַריי״. אום צו געווינען דעם פּראָלעטאַרי אויף זייער זייט, האָט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטיי אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע, אַז זייער פּרע־זידענט, דער קאַפּיטאַליסט, וועט פערפאָלגען דריי זאַכען: 1) אָבהיטען איינגע־

טהום; 2) קעמפפען פאר די רעליגיאן; 3) בעשיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

די דאזיגע פראקלאמאציע, וואס איז געווען אויסגעהאנגען אין אלע דרייצעהן קאלאניעס פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, האט ארויסגערופען א שארפע קריטיק פון דער אפאזיציע, דאס הייסט, פונ'ם יודיש-רוסישען סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, דעם „סאציאליסט“. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף יעדען פונקט בעזונדער און האט מיט זיין מאדנע געמישטע יודישע שפראך, וואס איז העכער האלב רוסיש, אזוי געזאגט:

— איך אבראשטשאיע איער וונימאניע (איך ציה איער אויפמערקזאמקייט) אויף דער נאחאלסטווא (פרעכהייט) פון דעם קאפיטאליזם! ער וועט זאשטשישטשאיען (פערטהיידיגען) רעליגיע? ער וועט אבראניאיען (בעשיצען) די אינטערעסען פון די ראבאטשעס (ארבייטער)! דאס איז דאך וואזמוטיטעלנא דא גלובינע דושי (עס דערלאנגט ביז'ן ביין)!

און דער סאציאליסט האט זיך ניט געפוילט און איז אוועק צום „פראלעטארי“. ער האט איהם געטראפען סאמע ביי דער רעכטער ארבייט: ער האט געמאלקען די ציגען פאר אלע דרייצעהן קאלאניסטען. און דער סאציאליסט האט מיט איהם פארפירט א געשפרעך וועגען דעם „קאפיטאליסטישען סטרוי“, וואס הערשט אויף דער וועלט און וואס פאראבשטשיעט (אונטערדריקט) גלאווניס זאבראזאם (הויפטזעכליך) דאס פראלעטאריאט. ער האט איהם געבראכט א פרימיער (ביישפיעל) טאקי פון איהם אליין, ווי אזוי ער, איין און איינציגער ארבייטער האריעוועט צוועלף שעה אין מעת-לעת אויף אלע דרייצעהן קאלאניעס; עמיצער זאל זיך עס דערמאהנען אפילו איהם קומען צו הילף!

דערויף האט איהם דער „פראלעטארי“ געענטפערט מיט זיין פראסטען שמייכעל ווי זיין שטייגער איז, אז דערויף האט גאט בעשאפען ארבייטער אויף דער וועלט — זיי זאלען ארבייטען...

— אויף זיך, ניט אויף יענעם! — האט מיט איהם איינגעשמועסט דער „סאציאליסט“, און האט איהם געלייענט א לעקציע וועגען „ראזדעלעניע טרודא“ (איינטהיילונג פון דער ארבייט), וועגען „אוניטשטאזשעניע קאפיטאלא“ (פערניכטען קאפיטאל) א. ז. וו. ער האט אזוי לאנג גערעדט איבער'ן „פראלעטארי“, ביז ער האט ביי איהם גע'פועל'ט, אז ער זאל פאר'ן קאפיטאליסט ניט אפשטימען בשום אופן.

— פאַר וועמען דען זאָל איך זיך אָבשטימען? — פרעגט דער פּראָלעטאַריער מיט זיין נאַאיוויטעט, ווי געוועהנליך.

— פאַר זיך אַליין — ענטפערט איהם דער סאָציאַליסט.

דער פּראָלעטאַריער הויבט אויף די אויגען.

— וואָס הייסט פאַר זיך אַליין?

אַטשען פּראָסטאָ (גאַנץ איינפאַך)! איך קאָן בעשטעהן, אַז מיר זאָלען האָבען אַ פּרעזידענט אַ פּראָלעטאַריער. איך בין דער ערשטער, וואָס גיב פאַר איך מיין גאָלאָס (שטימע). דאַ זדראַוסטוואויעט נאַראָד (עס לעבע דאָס פאָלק)! דאַ זדראַוסטוואויעט פּראָלעטאַריאַט!

אַזוי האָט אויסגעלאָזט דער סאָציאַליסט און געדריקט די גראָבע האַנט פונ'ם אַרבייטער זעהר פריינדליך און איז פון איהם אַוועק פיהרען זיין פּראָפּאַגאַנדאַ אין די איבריגע קאָלאָניעס פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען.

וואָס פאַר איין איינדרוק די לעצטע ווערטער פונ'ם „סאָציאַליסט" האָבען געמאַכט אויפ'ן „פּראָלעטאַריער" איז לייכט פאָרצושטעלען זיך. ער האָט אוועקגעשטעלט דאָס אָנגעמאָלקענע שעפעל מילך האָט זיך געכאַפּט מיט ביידע הענד ביי די זייטען און האָט זיך אַזוי צולאַכט, אַז די ציעגען האָבען איהם אָנגעקוקט ווי אַ משוגע'נעם. נאָכדעם, אַז ער האָט זיך שוין גענוג אָנגעלאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט, אויף אַ שטיין, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע הענד און האָט זיך פערטראַכט. וואָס ער האָט געטראַכט קענען מיר נישט וויסען. אפשר האָט ער געחלומ'ט מיט זיין פּראָסטע-קאָפּ וועגען דעם, אַז ער, דער פּראָלעטאַריער, אַ פּראָסטער בעל מלאכה, איז טאַקי פּרעזידענט אויף אַלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק? ווער וועט דעמאָלט אַרבייטען, רייסען באַנאַנעס, טרייסלען ניס, שניידען גראָז, ריינינגען די קאָלאָניעס, מעלקען די ציעגען?...

די צווייטע מעכטיגע פּאַרטיי איז געוועזען די אַמעריקאַנישע אָדער די אַמעאיכטישע פּאַרטיי. דער אַמעריקאַנער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע מיט גרויסע אותיות, ווי אין אַמעריקאַ, און אָנגעהויבען האָט זיך די פּראָקלאַמאַציע מיט שרייענדיגע פראַזען, אויפ'ן אַמעריקאַנישען שטייגער: „לײדיעס ענד דזשענטעלמען! די ערשטע יודישע רעפּובליק איז אין געפאַהר! ראַטעוועט די עהרע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער רעפּובליק אָף איזראַעל!.." ער האָט געהאַט אויף זיין זייט: דעם סאָציאַליסט, דעם טעריטאָריאַליסט, דעם אידעאַליסט מיט'ן מאַטעריאַליסט, דער [illegible] האָט איהם אויך צוגעזאָגט אונטערהאַלטען, בתנאי, אַז עס

וועט האַלטען ביי נאָמינירען אַ קאַנדידאַט פון דער פוילישער פּאַרטיי („קאָלאָ"), זאָל דער אַמעריקאַנער איהם אויך אונטערהאַלטען. די פוילישע „קאָלאָ", אָדער דער אַסימילאַנט פון משה רבינו'ס פּאָליאַקען, האָט זיך געהאַט זיין פּאַרטיי, וואָס איז בעשטאַנען פון איהם אַליין, פונם אידעאַליסט מיטן טעמפּעריליסט און פון דער מאַדאַם, פון דער איינציגער פרוי אויף איינער אינזעל. געוואונען האָט ער די שטימע פון דער פרוי נאָר דערמיט, וואָס ער פלעגט איהר מאַכען קאָמפּלימענטען און זאָגען, אַז זי זעהט אויס ווי אַ נעכטיגע „וואַרשאַוויאַנקע", און אַז די וואַרשאַווער פרויען זענען שען — דאָס איז דאָך איין אַקסיאָמע, ווי צוויי מאָל צוויי. די פּראָקלאַמאַציע, וואָס די פוילישע „קאָלאָ" האָט אַרויסגעלאָזט, האָט זיך אָנגעהויבען מיט „יאַסנאָוועלמאָזשנע פּאַניע (וואָהלגעבאָרענע הערען)!" און אויסגעלאָזט האָט זי זיך מיט דער פוילישער „עוד לא אבדה": „יעשטשע פּאָלשקאַ ניע זגינעלאַ". די פוילישע פּראָקלאַמאַציע האָט אַרויסגערופען אַ מוראדיגע אָפּאָזיציע פון דריי שטאַרקע פּאַרטייען, וואָס האָבען זיך צוליעב דעם פעראיינט: די נאַציאָנאַליסטישע, די ציוניסטישע און די טעריטאָריאַליסטישע. די דריי האָבען צוגעצויגען אויף זייער זייט דעם אָרטאָדאָקס (זעלבסט פערשטענדליך!) דעם אידעאַליסט, דעם פּראָלעטאַר, און האָבען געאַרבייט מיט דער פרוי, כדי צו געווינען אויף זייער זייט די מעהרהייט פון 7. צו בעמערקען, אַז יעדער פון די דריי, וואָס האָבען זיך פעראיינט געגען דעם פוילישער פּאַרטיי, האָט געאַרבייט אויף פאַר זיך, און דאָס האָט גאָרנישט געשטערט צו דעם, אַז דער ציוניסט, למשל, זאָל געהן געגען טעריטאָריאַליסט אויף מעסערשטעך! און צוריק דער טעריטאָריאַליסט, פון זיין זייט, האָט געטהון כל המעגליכקייטען אָבצוציהען פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי אַלע עלעמענטען. מען דאַרף זיך מודה זיין, אַז דער קאַמפּף צווישען די צוויי איז געוועזען אַזוי ביטער, אַז מען האָט ניט געלייגט קיין כבוד איינער אויפ'ן צווייטען, און מען האָט געטהון וואָס מען האָט געקענט.

אָפיציעל איז דער ציוניסט אַרויס מיט אַ פּראָקלאַמאַציע אָנהויבען אַן מיט אַ מגן דוד און מיט אַ פּסוק; אָט אַזוי:

אם אשכחך ירושלים
תשכח ימיני —
פערגעס איך דיך, ירושלים,
זאָל פערגעסען ווערען מיין
רעכטע האַנד!

אין דער ציוניסטישער פראקלאמאציע איז געשטאנען אויסגערעכענט אלע גרויסע נעמען, וואס האבען געארבייט פאר'ן ציוניזם, פון אברהם אבינו ביז מנחם מענדיל אוסישקין. ער האט ניט פערגעסען אויך דערמאהנען דעם נאציאנאל פאנד און אונזער אייגענע „באנק", וואס מיר האבען געגרינדעט אין ארץ ישראל און אונזער כרמל ווין, וואס האט זיך געמאכט בערימט אויף דער וועלט — קיין זאך האט ער ניט דורכגעלאזט. און אויסגעלאזט האט ער מיט גאלי הערץ איבער'ס נאציאנאל-הימן: „עוד לא אבדה תקותנו!"

באלד נאך דעם איז ארויס דער טעריטאריאליסט מיט אזא מין פראקלאמאציע. אויבען איז געשטאנען א מאטא: „די וועלט איז אונזער היים!" און אנגעהויבען האט זי זיך אזוי: „אלטער טרוימער! טויזענד יעהריגער בעל חלומות! ווען וועסטו שוין אויפוואכען פון דעם זיסען שלאף און פון דיינע גאלדענע חלומות, אין וועלכע די עוויגע טרוימער, די ציוניסטען פון אלע צייטען, האבען דיך פערוויגט מיט דיינע קינדער אינ'ם אלטען היסטארישען גהעמא? (א וואונק אויף זאנגוויל'ס בוך: „דהי טשילדרען אף דהי גהעטא"). און אויסגעלאזט האט זיך די טעריטאריאליסטישע פראקלאמאציע מיט די ווערטער: „זוכט, ווער איהר געפינען!"...

די עלעמענטען אויף וועלכע דער ציוניסט האט געקענט רעכענען, זענען געווען: דער נאציאנאליסט, דער ארטאדאקס (זעלבסט פערשטענדליך!) דער אידעאליסט און דער פראלעטארי. א שטיקעל האפנונג איז געווען אויך אויף דער פרוי, וואס האט געהאלטען מיט'ן ציוניזם נאר דערפאר, וואס די ציוניסטישע קאנגרעסען פאהרען זיך צונויף אין דער שווייץ (אין באזעל). דאס דערמאהנט איהר ניט ווילענדיג אן איהר גאטזעליגען מאן, מיט וועלכען זי האט ארומגערייזט גאנץ איראפא און געשטארבען איז ער אין לאנדאן. איינגעזונקען זאל ווערען די דאזיגע רויכיגע שווארצע נעבעל שטאדט מיט איהרע שמוציגע גאסען און מיט איהרע אויטאמאבילען, חאטש געשטארבען איז איהר גאטזעליגער מאן אייגענטליך ניט פון די לאנדאנער שמוציגע גאסען און ניט פון די אויטאמאבילען. געשטארבען איז ער פון זיין אייגענע קראנקהייט. און דא גענדט אוועק ביי איהר זעהר א אינטערעסאנטע ערצעהלונג וועגען איהר גאטזעליגען מאן, ווי אזוי ער האט געקרענקט, און אויף וואס ער האט געקרענקט, און פאר וואס ער האט געקרענקט, און אזוי ווייטער.

איך האף, אז מיין לעזער וועט מיר מוחל זיין, איך דארף דא מאכען זעהר א נעטיגע בעמערקונג, אז די דאזיגע פרוי, וואס האט זיך געהאלטען ווי א מאנספערזאן, האט געהאט אין זיך פון דעסטוועגען ניין מאס רייד, ווי אלע

פרויען, נאר דאס איז פערבייגעהענדיג. דער עיקר וואס אונז אינטערעסירט איז דער וואהלקאמפף, וואס האט זיך אפגעשפיעגעלט ביי אונז אין די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק.

נישט מעהר שאנסען האט געהאט אויך דער טעריטאריאליסט. אויף זיין זייט זענען געשטאנען נאר דער אטעאיסט, דער אסימילאנט און דער מאטעריאליסט. דער טעריטאריאליסט האט זיך אפילו שטארק געדרעהט ארום דער פרוי, נאר ער האט ביי איהר ווינציג וואס גע׳פועל׳ט. זי איז שוין גיכער געווען גענייגט צום ציוניזם איבער דעם וואס מיר האבען אנגעוויזען אויבען. דער טעריטאריאליסט האט געזעהן אז ער האלט שמאל, האט ער זיך א ווארף געטהון צום קאנסערוואטאר, איהם איינגערעדט, אז די טעריטאריאליסטען היטען אפ שבת ניט ווינציגער ווי די ציוניסטען, און אויב עס איז דא א האפנונג אויף א יודישע אויטאנאמיע, וועלען די טעריטאריאליסטען זי דערגרייכען פריהער פאר די ציוניסטען, ווייל זיי האבען אויף זייער זייט די סימפאטיע פון די רייכסטע לייט, פון די גרעסטע קריסטען. האט דערזעהען דער ציוניסט, אז דער טעריטאריאליסט שושקעט זיך עפים צו פיעל מיט דעם ארטאדאקס האט ער זיך א זאג געטהון פערבייגעהענדיג:

— און וואס הערט זיך עפים מכח געמישטע חתונות?..

עס וועט, גלויב איך, קיינעם ניט וואונדערן, אז איך וועל אייך אויסזאגען א סוד, אז דער ארטאדאקס אליין האט אויך געהאט חשק צו זיין פרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען. און פאר וואס ניט? זיין נשמה איז פון קלאטשע? און שטעלט אייך פאר, ער האט זיך געהאט זיין פארטיי. איהר וועט נאר ניט טרעפען, דאס איז געווען, ווי מען זאגט ביי אונז: „אפגעגעבענעס ברויט“... א ביסעל איז געווען אויף זיין זייט דער נאציאנאליסט, נאר פעסטער פון אלע איז געשטאנען פאר איהם די פרוי! נו, האט איהר זיך גערעכט? איהר שטימע האט ער געוואונען דערמיט, וואס ער האט איהר אויסגערעכענט ווען און אין וואסער טאג זי האט יאהרצייט נאך איהר גאטזעליגען מאן... אויך דעם פראלעטאריי האט ער געוואונען אויף זיין זייט; איהם האט ער גענומען מיט גאט, מיט יענער וועלט, מיט׳ן גיהנם און מיט׳ן גן-עדן. ער איז שוין געווען מיט איהם כמעט פארטיג, האט אנגעשמעקט דער עזות פנים, דער סאציאליסט, און האט זיך פעראייניגט מיט׳ן אטעאיסט און מיט׳ן אסימילאנט און מען איז ארויס מיט איין עפענטליכע אטאקע געגען דער פינסטערע מאכט פונ׳ם קלעריקאליזם.

— דאָלאָי משאַרנאָסאָטענצעוו (נידער מיט די שוואַרצע מאַהאָניקעס) — האָט אויסגערופען דער סאָציאַליסט און איהם האָבען אונטערגעהאַלטען אַלע פּראָגרעסיווע עלעמענטען.

דאָ מוז איך זאָגען אַ פּאָר ווערטער וועגען זיך אַליין. איהר וואונדערט זיך, פאַר וואָס האָב איך ניט געשטעלט מיין קאַנדידאַט אויף פּרעזידענט? ערשטענס, האָב איך מיך, אַלס שריפטשטעלער, געוואָלט האַלטען פון דער ווייטען פון יעדען פּאָליטישען קאַמפף, און צווייטענס, מוז איך מיך מודה זיין, אַז איך האָב געזעהען גאַנץ גוט, אַז איך האָב ווינציגער שאַנסען פון אַלע אַנדערע קאַנדידאַטען, איך בין נישט קיין געלערנטער מענש, איך ווייס אַז אַלע מיינע קאָלעגען האָבען מיך פיינט (מען האָט נישט ליעב קיין שריפטשטעלער, בפרט אַ הומאָריסט, וואָס בייסט און לאַכט און מאַכט לאַכעריג; אמת, זיי אַלע חנפה׳נען מיר, מאַכען מיר קאָמפּלימענטען, לויבען מיינע פעליעטאָנען אין טאָג אַריין, אפילו די וואָס האָבען נאָך ניט געלייענט... איך ווייס אָבער, אַז ס׳איז פאַלש. זיי חנפה׳ען מיר דערפאַר, ווייל זיי האָבען פאַר מיר מורא, איך זאָל זיי ניט בעשרייבען אויף די בלעטער, פאַר בעשרייבען ציטערן זיי ווי פאַרן מלאך המות! זיי האָבען ליעב, אַז מען בעשרייבט, נאָר י ע נ ע ם, ניט זיי...) בקיצור, איך האָב מיין קאַנדידאַט אַראָפּגענומען.

דער סוף איז געווען, אַז ס׳איז געקומען צום וועהלען אַ פּרעזידענט אויף די דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען פון דער ערשטער יודישער רעפּובליק, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אויפ׳ן צעטעל שטעהען אַלע דרייצעהן פאָרשטעהער פון אַלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאַאַטען. דאַן איז אויפגעשטאַנען איינער פון אונז (בעמערקט, איך זאָג ניט, אַז דער איינער בין איך געווען; איך רעכען, אַז דער לעזער וועט שוין אַליין פערשטעהן ווער איז געווען דער איינער...) און האָט זיך אָנגערופען צום עולם בזה הלשון:

— מיינע דאַמען און הערען! שוין באַלד צוויי טויזענד יאָהר זינט מיר האָבען פערלאָרען אונזער אייגען לאַנד, זינט מיר האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אַלס אַ מלוכה. האָבען מיר אין דער צייט אויפגעהערט צו זיין אַ פאָלק? ניין! מיט וואָס פאַר אַ כח האָבען מיר זיך געהאַלטען ביז אַהער? איך ווייס ניט! מיט וואָס פאַר אַ כח וועלען מיר זיך האַלטען ווייטער? איך ווייס ניט! וואו איז געווען ביז אַהער אונזער טעריטאָריע? וואו איז געווען ביז אַהער אונזער פאָטערלאַנד? וואו איז געווען ביז אַהער אונזער היים? איך וועל אייך זאָגען: אונזער טעריטאָריע זענען מיר אַליין. אונזער פאָטערלאַנד איז אונזער היסטאָריע. אונזער היים איז דאָס גרעסטע סאָציאַלע אידעאַל, וואָס די פּריהע-

דיגע נביאים האָבען עס געבאָרען און שפּעטערדיגע האָבען עס געפּרידיגט, און מקוים וועט דאָס ווערען אם ירצה השם אַז משיח וועט קומען... אין דעם, וואָס יעדער פֿון אונז דרייצעהן וויל זיין פּרעזידענט פֿון די פֿעראייניגטע שטאַאַטען לערען איך אָפּ, אַז קיינער פֿון אונז דרייצעהן וויל זיך ניט אונטערגעבען, זיך בעקעמפּפען פֿונ'ם צווייטען. פֿאַראַן אַ יודיש שפּריכוואָרט: „דו ביזט ניט מיין נגיד, איך בין ניט דיין קבצן". ברידער! מיר זענען דאָ דרייצעהן! דרייצעהן זענען מיר געווען אויפֿ'ן שיף, דרייצעהן האָט אונז געטראָגען דער ים, דרייצעהן זענען מיר אַרויסגעוואָרפֿען געוואָרען אַהער אויף דער „דרייצעהן אינזעל" און געגרינדעט דרייצעהן קאָלאָניעס, דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען. עס פֿרעגט זיך פֿאַר וואָס זאָל ניט זיין יעדער פֿאָרשטעהער אַ פּרעזידענט אין זיין שטאַאַט? דרייצעהן עמיגראַנטען, דרייצעהן ראָבינזאָנס, דרייצעהן קאָלאָניסטען, דרייצעהן פֿאָרשטעהער פֿון דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען, דרייצעהן פּרעזידענטען! עס לעבען די דרייצעהן פּרעזידענטען פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען פֿון דער ערשטער יודישער רעפּובליק. הוררא!!

— הוררא! וויוואַט! הידד! הוררעי! האָך! דאַ זדראַווסטוואויעט ראַווענסטוואָ (עס לעבע די גלייכהייט)!

אַזעלכע געשרייען האָבען זיך געלאָזט הערען פֿון די דרייצעהן פּרעזידענטען אויף פֿערשידענע לשונות (עס האָט נאָך געפֿעלט דאָס וואָרט „באַנזאַי"!) און דערמיט שליסט זיך די פֿערזאַמלונג און מיר פֿערלאָזען דעם „פּאָליטישען קלוב" ביז מאָרגען. עס שטעהט אונז פֿאַר נישט מעהר ווי אויסאַרבייטען אַ קאָנסטיטוציע, אָדער סטאַטוטען צו די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען. דאָס ניט דעם לעזער אַ האָפֿנונג, אַז אם ירצה השם גאָר אין גיכען ווערען מיר פֿאַרטיג מיט אַלע אונזערע בעשרייבונגען פֿון דער ערשטער יודישער רעפּובליק.

---

## 13 קאָנסטיטוציעס.

„אַ פּאָליטיקער איז אַ שכור". אַזוי האָט געזאָגט אַמאָל נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרט, פֿירסט ביסמאַרק, אָדער אַן אַנדערער גרויסער מענש. „לאָזט דו זיך אַריין אין פּאָליטיק — גיב אויף דיינע בינעס", אַזוי האָט געזאָגט אַ פּראָסטער בשר ודם, אַ בינעס מאַן וואָס האָט זיך פֿאַרשכור'ט אין פּאָליטיק,

געשכור'ט מיט אלע שכורים און איז געווארען א פראסטער שכור, איך שרייב מיך אונטער מיט ביידע הענד סאי אונטער דעם, וואס האט געזאגט נאפאלעאן אדער ביסמארק, סאי אונטער דעם וואס האט געזאגט אט דער ביזנעס מאן...

איך בעט אייך, לאמיר זיך קארשט נעמען גוט בעטראכטען אונזער לאגע נאך אמאל און נאך אמאל: דרייצעהן פארשוין, דרייצעהן ריזענדע, דרייצעהן פערשידענע מענשען פון דרייצעהן פערשידענע בעשעפטיגונגען, לאזען זיך אין וועג אריין, פאהרען אין דרייצעהן פערשידענע פונקטען, אויף איין שיף; פלוצים הויבט זיך אויף א שטורעם, צוברעכט דאס שיף אויף שטיקלעך, חאפט זיי אונטער דער ים און ווארפט זיי ארויס אלע דרייצעהן אויף איין אינזעל, וואו זיי געפינען פון כל טוב: ערשטענס, היילען אויף צו בעשיצען זיך פון דער זון בייטאג און פון קעלט ביינאכט. צווייטענס, ביימער אויף וועלכע עס וואקסען פעטע ניס און זיסע באנאנעס, דריטענס, א פליסענדעס וואסער, לויטער ווי קרישטאל, און אלס א צוגאב שלאנגען זיי זיך אן אויף א גאנצע טשערעדע מיט ציגען. וואס לאזען זיך מעלקען! דאכט זיך, אין פלוג, וואס פעהלט אזעלכע דרייצעהן ראבינזאנס? וואס געהט אונז אב, למשל, אז עסען און טרינקען האבען מיר; ארבייטען דארפען מיר ניט; לופט האבען מיר אזעלכע, וואס דאס בעסטע קוראָרט פערמאגט דאס ניט; א ים אויף צו באדען זיך, א וואלד אויף צו שפאצירען, בערג אויף צו קלעטערען, בלומען אויף צו שמעקען, און א בלויער הימעל איז איבער אונזערע קעפ און א פרעכטיגע זון ווארעמט אונז בייטאג, און א העל זילבערנע לבנה לייכט אונז ביי נאכט, קיין דאגות פרנסה טראגען מיר ניט, מקנא זיין איז ניטא וועמען, צאהלען צינזען זענען מיר פטור, קיין געלד דארפען מיר ניט, מורא האבען איז ניטא פאר וועמען, פון מיליטער, פאליציע, מלחמות ווייסען מיר ניט, דעם רעש מיט'ן טומעל פון דער וועלט הערען מיר ניט, חאפען זיך, לויפען, פאהרען, פליהען — האבען מיר ניט וואהין, — וואס פעהלט אונז?

אנדערע אויף אונזער ארט וואלטען זיך, ווי די אמת'ע ראבינזאנס, מסתמא אוועקגעלאזט אויספארשען אונזער נייע טעריטאריע אין דער ליינג און אין דער ברייט, זעהן וואו מיר געפינען זיך אין דער וועלט און וואס מיר האבען צו טהון, ניין! בעדארף זיך אונז פערגלוסטען קאלאניזירען דאס לאנד, דאס הייסט, איינטהיילען זיך אין דרייצעהן בעזונדערע קאלאניעס, בעזעצען זיך אויף דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, וועהלען דרייצעהן פרעזידענטען

און געהמען זיך אויסארבייטען א פאסענדע קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק — מיט איין ווארט, עס האט זיך אונז פערגלוסט מאכען פאליטיק! וואס זאל מען טהון? גאט האט שוין אזוי בעשאפען די וועלט, דאס הייסט, ניט די וועלט, נאר דעם מענשען אז ער זאל קיינמאל ניט זיין צופריעדען מיט דעם וואס ער האט, ער זאל תמיד נור וועלען שטרעבען ווייטער, העכער און בעסער... מענשען געלעהרטע רופען דאס אן פראגרעס און זאגען, אז אהן דעם קאן די וועלט קיין קיום ניט האבען. מיר ווילען קיינעם ניט איבערשפארען און מיט געלעהרטע מענשען פאלעמיזירען אודאי ניט. זיי זאגען פראגרעס, מסתמא ווייסען זיי בעסער... מיר גיבען דא איבער נאר פאקטען, פאקטען און פאקטען!

אלזא, איז געבליבען, אז מיר, דרייצעהן אויסגעוועהלטע פרעזידענטען פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, זאלען אלע איינאיינעם פערזאמלען זיך אין א בעשטימטער צייט אויף א בעשטימטען פלאץ, אין „פאליטישען קלוב" דאס הייסט, אונטער א בוים, אויפ'ן בארג פון אונזער „דרייצעהן אינזעל", און דארט זאלען אויסגעארבייט ווערען די סטאטוטען, די גרונד-געזעצע פון דער ערשטער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, און גאנץ נאטירליך, אז יעדער פון אונז איז געקומען צו דער בעשטימטער צייט אין „פאליטישען קלוב" אריין מיט זיין פלאטפארמע, מיט זיין קאנסטיטוציע. דרייצעהן פרעזידענטען — דרייצעהן קאנסטיטוציעס.

צום אלעם ערשטען איז ארויס דער פאבריקאנט אדער, ווי מיר האבען איהם א נאמען געגעבען, דער „קאפיטאליסט". ער האט אויסגעארבייט א פראיעקט פון משונה מאדנע „פרייהייטען", וועלכע מיר גיבען דא איבער פינקטליך ווי זיי זענען געווען אויסגעגעבען פאר אונז אינים „פאליטישען קלוב" אט וואס איז געשטאנען אינים קאפיטאליסטישען פראיעקט:

1) אלע בירגער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק זענען אנערקענט אלס „פרייע בירגער".

2) די פרייע בירגער פון די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען ווערען איינגעטיילט אין דריי פרייע קלאסען: בירגער 1-טע קלאסע, בירגער 2-טע קלאסע און בירגער 3-טע קלאסע.

3) די בּירגער 1־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו עסען און טרינקען און שלאָפֿען.

4) די בּירגער 2־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו יעדער צײַט אַמוזירען די בּירגער 1־טע קלאַסע מיט אַ שמועס, דערצעהלען זיי קורצע מעשיות, אַמאָל אַן אַנעקדאָט, אַ וויץ וועך עס קאָן, מיט איינעם וואָרט, די בּירגער 2־טער קלאַסע זענען פֿרײַ אַכטונג געבען, אַז די בּירגער 1־טע קלאַסע זאָל שטענדיג זײַן אַנגענעהם.

5) די בּירגער 3־טע קלאַסע זענען פֿרײַ צו אַרבּייטען אויף די בּירגער 1־טע און 2־טע קלאַסע.

6) זיי, די בּירגער 3־טע קלאַסע, קאָנען פֿראַנק און פֿרײַ אַרויסזאָגען זייערע מיינונגען אין דער צײַט, ווען מען פֿרעגט בּײַ זיי.

7) אַז עס פֿעהלט זיי עפּיס אַ זאַך, אָדער זיי נויטיגען זיך אין אַן־עצה, זענען זיי פֿרײַ זיך צו ווענדען צו די בּירגער 1־טע קלאַסע אָדער צו די בּירגער 2־טע קלאַסע.

8) טאָמער געפֿעלט זיי עפּיס ניט, זענען זיי פֿרײַ צו דענקען וועגען דעם וואָס זיי ווילען. און אַזוי ווײַטער.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז די אָפּאָזיציע האָט דעם „בּורזשואַזנעם" פּראָיעקט פֿערוואָרפֿען מיט פֿולע איער. די אָפּאָזיציע מיינט מען דעם סטודענט מיט'ן שוואַרצען העמדעל, אָדער ווי מיר האָבּען איהם אַ נאָמען געגעבּען: דער „סאָציאַליסט". ער האָט צושלאָגען אויך דעם „היפּאָקריטישען" פּראָיעקט פֿונ'ם אָרטאָדאָקס, וואָס האָט אַרויסגעשטעלט אינ'ם ערשטען פּונקט דעם „הייליגען שבת". ער האָט פֿערוואָרפֿען אויך די אַלע איבּריגע פּראָיעקטען, אויף יעדען איינציגען אויסגעזוכט אַן־אַנדער חסרון: דער איז צו „נאַציאָנאַליסטיש", דער איז צו „מאַטעריאַליסטיש". די צווייטע קאָנסטיטוציע פֿונ'ם ציוניסט מיט'ן מעריטאָריאַליסט האָט ער געמאַכט אויסצודרעהען, און האָט אויפֿגעגעבּען זײַן אייגענעם „סאָציאַליסטישען" פּראָיעקט. אַרויסגענומען פֿון אַלע בּעסטע קאָנסטיטוציעס פֿון איייראָפּאַ און אַמעריקאַ.

ליידער איז אָבּער דער פּראָיעקט אויך דורכגעפֿאַלען, נישט אַזוי צוליעבּ דעם וואָס די סאָציאַליסטישע קאָנסטיטוציע איז געווען אַזוי שלעכט, ווי צוליעבּ דעם, וואָס יעדען פֿון די דרײַצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען האָט זיך זעהר געוואָלט, אַז נאָר זײַן קאָנסטיטוציע זאָל דורכגעהן. בּיז עס איז געקומען צום שריפֿטשטעלער, וואָס הייסט, צום פֿערפֿאַסער פֿון די דאָזיגע בּעשרייבּונגען.

דער לעזער האט שוין געהאט די געלעגענהייט וויפיל מאל זיך צו איבערצייגען, אז מיר זענען ווייט פון בעריהמערייע. נאר דארט, וואו מען שרייבט אמת'ע, ניט קיין אויסגעטראכטע, געשיכטען, טאר מען קיין זאך נישט פערלייקענען. איך מוז אייך זאגען, אז מיין פראיעקט איז אנגענומען געווארען מיט גרויס ענטהוזיאזם און זעלטענעם אפלויז, נישט מחמת ער איז געווען אזוי אריגינעל, נאר איבער אנאנדער זאך. איך, פערשטעהט איהר מיך, בין דערגאנגען א סוד, אז אויב איהר ווילט זיין פאפולער אין דער וועלט מוזט איהר יוצא זיין לכל הדעות, דאס הייסט חלילה קיינעם ניט שמייכלען, נאר קיינעם ניט אנגרייפען, נישט אנריהרען חלילה קיינעמ'ס כבוד. גלויבט מיר, ליעבער פריינד, איך האב עס ניט אויסגעזויגען פונ'ם פינגער, איך זאג עס פון מיין ערפאהרונג, וואס איך האב זיך אנגעזעהען און אנגעהערט אין דער גאנצער צייט וואס איך האב זיך געפונען אין די 13 פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. נאך לאנגע נאכדענקענישען און חקירות מיט זיך זעלבסט, בין איך געקומען צו דער פעסטער איבערציינגונג אז וואס מעהר איהר ווילט דורכזעצען אייערע א אידעע, דעסטא מעהר דארפט איהר אננעהמען יעדעמ'ס אידעע, און טאמער וועט איהר זיך איינרעדען „קעמפען" פאר דער אידעע זאלט איהר וויסען, אז איהר וועט קריגען געבראכען די ביינער און די גאנצע וועלט פאר שונאים.

הכלל, אין וואס איז בעשטאנען מיין פראיעקט? מיין פראיעקט איז בעשטאנען אין דעם, אז אלע פראיעקטען פון אלע פרעזידענטען פון אלע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען זענען גוט, וואהל און שעהן און פיין און מיר זענען מחויב זיי אלע אננעהמען. נאר אזוי ווי ס'איז אונמעגליך אנצונעהמען דרייצעהן קאנסטיטוציעס מיט אמאל, לכן לעג איך פאר מען זאל ארויסנעהמען פון יעדענס פראיעקט איין פונקט און מע זאל מאכען א געמישעכטס, א מין קאמפאט, איך וואלט געזאגט, א צימעס פון קאנסטיטוציעס. דער דאזיגער אריגינעלער פראיעקט איז אזוי געפעלען געווארען דעם עולם, אז ניט נאר מע האט מיך בעשאטען מיט דונערנדע אפלאדיסמענטען, יענער האט געהאלטען פאר א חוב צוגעהן צו מיר און דריקען מיר די האנד און דאנקען פאר די גרויסע נוצען, וואס איך ברענג די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. איינער פון זיי, עס שיינט מיר, דער אידעאליסט, איז מיר געפאלען אויפ'ן האלז און האט מיך אזש ארומגעחאפט קושען, און אויב עס האט זיך מיר ניט אויסגעוויזען, זענען זיינע אויגען געווען בענעצט מיט טרעהרען... אויך די מאראם, די

איינציגע פרוי אין די פעראייניגטע שטאאטען אויף אונזער אינזעל, איז צוגעגאנגען צו מיר און מיט זעהר א פריינדליך שמייכעלע, וואס נאר פרויען זיינען דערויף פעהיג, האט זי מיך א פרעג געטהון: אויב איך קלער לאנג אויף מיינע אידעען, אדער זיי ווערען געבארען ביי מיר אין קאפ עקספראמט, מאמענטאל?.. נאטירליך, האב איך איהר געענטפערט צווייזייטיג, דאס הייסט, איך האב איהר ערקלערט, אז עס קומט מיר אן א געדאנק, בעטראכט איך איהם פריהער פון אלע זייטען און נאכדעם ערשט זאג איך איהם ארויס מיט אמאל, עקספראמט... מיט מיין ענטפער איז די מאדאם, ווייזט אויס, געבליבען העכסט צופריעדען און האט מיר געשענקט זעהר א ליעבליכען חנ'עוודיג שמייכעלע, און אין איין וועגס האט זי בעוויעזען איהרע געזונדע שעהנע ווייסע צייהן פונ'ם בעסטען דאנטיסט אין פאריז בולעווארד דע איטאליען נאמערא סאן סואסאנט עקנז... (165)

אצונד איז געבליבען נאר איין זאך: מע זאל דאס געמישעכטס, אדער דעם צימעס פון די דרייצעהן קאנסטיטוציעס ארויסגעבען אויף פאפיער און פערעפענטליכען דורך א מאניפעסט אדער א צירקולאר. ווי עס פיהרט זיך אומעדום אויף דער גאנצער וועלט. ווער זאל זיין דער פערפאסער פון דעם מאניפעסט אדער פון דעם צירקולאר? פערשטעהט זיך, אז איך, דער איינציגער שריפטשטעלער אין די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק. צייט האט מען מיר געגעבען דערויף גאנצע דריי טאג. מיינע קאלעגען האבען זיך בעגאנגען מיט מיר זעהר מענשליך. זיי האבען געזאגט, אז מע טאר אויף איין מאן ניט ארויפווארפען קיין צופיעל ארבייט. פארן צושיידען זיך האבען מיר פערביסען מיט ניס, באנאנעס און פערטרונקען מיט פרישע ציגענמילך וואס דער איינציגער ארבייטער, אדער ווי מיר האבען איהם גערופען, דער „פראלעטאריי", האט אונז אונטערגעטראגען. געוויינטליך, איז דערביי געהאלטען געווארען א פאר דרשות. פריהער פון אלעמען האט גערעדט דער קאפיטאליסט. ביידע האבען זיך זיי אלע מאל געשפיגעוועט מיט ווערטער. נאך איהם האט „געספיטשט" דער אמעריקאנער, אדער ווי ער האט זיך געהייסען ביי אונז, דער „אטעאיסט". ער האט פערליינט א פינגער אין דער זייט פון זיין קעסטעלדיגען זשילעט און דורכגעפיהרט א פאראלעל, א פערגלייכונג צווישען אונזער „קאנסטיטושאן" און צווישען דער „קאנסטיטושאן" פון דהי יונייטער סטייטס אף אמעריקא, און האט אויסגעלאזט זיין טאאסט מיט פאלגענדע ווערטער:

— ליידיס ענד דזשענטעלמען! איך הויב מיין טאאסט פאר דער קאנ-

סטיטושאַן אָף דהי יונייטעד סטייטס אָף דהי פֿוירסט דשואיש רעפּובליק אָף דהי טהוירטין אײלאַנד אָף איזראַיל!

נאָך איהם האָבען „געשפּראָכען" נאָך אַ פּאָר פּרעזידענטען, פֿאַרשטעהער פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען, נאַטירליך, יעדער פֿון זיין אייגענעם שטאַנדפּונקט: דער ציוניסט פֿון ציוניסטישען, דער טעריטאָריאַליסט פֿון טעריטאָריאַליסטישען שטאַנדפּונקט, איטליכער האָט געפֿונען דאָס, וואָס ער האָט געזוכט. למשל, דער אַסימילאַנט, אָדער פּוילישער יוד פֿון משה רבינו'ס פּאַלאַקען, האָט מיטגעטהיילט די יאַסנאַ-וועלמאָזשנע פּרעזידענטען זיין צופֿריעדענהייט, וואָס די קאָנסטיטוציע פֿון די דרייצעהן פֿעראייניגטע שטאַאַטען דערמאָנען איהם אָן דעם גרויסען אַלטען פּוילישען סיים מיט אַלע זיינע פֿיינע סטאַטוטען... דאָס האָט ניט געשאַדט דעם נאַציאָנאַליסט צו טרינקען פֿאַר דער טיעפֿער יודישער נאַציאָנאַליסטישער אידעע, וואָס ליגט זיך דורך אין אונזער קאָנסטיטוציע... דער לעצטער רעדנער איז געוועזען, זעלבסטפֿערשטענדליך, דער פּראָלעטאַרי.

און דער עולם איז אויפֿגעשטאַנען, און מען איז שוין גרייט געוועזען צו געהן אַהיים, איטליכער אונטער זיין ווייַנשטאָק און אונטער זיין פֿייגענבוים, — פּלוצים פֿאַלט מיר איין אַ פֿראַגע צו טהון ביי'ם עולם: אין וואָס פֿאַר אַ לשון זאָל געשריבען ווערען דער מאַניפֿעסט, אָדער דער צירקולאַר פֿון אונזערע קאָנסטיטוציע?

ווי אַ שטיין אַז ער פֿאַלט אַריין אין וואַסער, בעשאַפֿט אַרום זיך אַ ראָד נאָך אַ ראָד, אָהן אַ שיעור רעדער, אַזוי איז געוועזען די דאָזיגע שפּראַך־פֿראַגע, וואָס איך האָב אומגערן אַ וואַרף געטהון אין פּובליקום. עס האָט זיך אויפֿגעהויבען גאָר איבער אַ נייעם אַ שטורם, אַ מלחמה, אַ קאָכעניש, אַ געשריי מיט אַ געפּילדער ביז'ן הימעל אַריין.

וואָס עס איז געוואָרען וועגען די פֿראַגע פֿון די שפּראַכען וועל איך אייך ערצעהלען מאָרגען.

---

## ח.

## 13 לשונות.

דער אַלטער חומש (ביבעל) דערצעהלט אונז אַ שענע מעשה, ווי אַזוי מענשען האָבען אַמאָל פֿערטראַכט צו בויען אַ טורעם, וואָס זאָל גרייכען ביז'ן

הימעל, האט דאס נאט פערדראסען, און ער האט אויסגעמישט זייער שפראך, און זיי האבען אויפגעהערט איינעם דעם אנדערען צו פערשטעהן.

דאס זעלבע איז געוועזען אויך מיט אונז, דרייצעהן ראבינזאנס אויף אונזער „דרייצעהן-אינזעל“, דאכט מיר, אז דרייצעהן מענשען וואס געהערען צו איין פאלק, זיי מעגען זיין פון פערשידענע לענדער, וואלטען געמוזט האבען איין שפראך, זייער אייגענע שפראך. איך שטעל מיר פאר דרייצעהן קינדער פון איין פאטער האבען פערלאזט זייער פאטער'ס הויז, זיך אוועקגעלאזט אין פערשידענע לענדער און זענען אין א צייט ארום געקומען צוריק, ווי אזוי וועלען זיי זיך קאנען אויפרעדען צווישען זיך, אז ניט אויף זייער מוטערשפראך, אין דער שפראך פון זייער היים? עס וועט דאך זיי ניט איינפאלען אזא משוגעת, אז זיי זאלען רעדען צווישען זיך אויף דרייצעהן פערשידענע שפראכען? איז דען מעגליך, אז יעדער איינציגער פון זיי זאל זיין געצוואונגען צו פערשטעהן אלע דרייצעהן לשונות?...

אט אזעלכע טרויעריגע מחשבות זענען מיר געקומען אויפ'ן זינען אין דער צייט וואס ס'איז ארויסגעשוואומען ביי אונז די פראגע: אין וואסער שפראך עס זאל געשריבען ווערען די קאנסטיטוציע פאר די דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען פון דער ערשטער יודישער רעפובליק?

צום ערשטען איז ארויסגעטראטען, ווי אלע מאל דער רייכער פאבריקאנט, אדער ווי ער איז געוועזען בעארבייט ביי אונז אונטער דעם נאמען „דער קאפיטאליסט“, א יוד פון די זאגענאנטע דייטשע יהודים (מיט א פתח אונטער דעם יוד). ער האט ארויסגעשפראכען זיין גרויסע בעוואונדערונג, וואס מען האט די שפראך געמאכט ביי אונז פאר א פראגע. ווער ווייסט דאס ניט, האט ער געזאגט, אז אונזער שפראך איז געוועזען און עס וועט זיין די ריינע, די אלטע, די שענע, די רייכע דייטשע שפראכע? ווי אזוי דען וועלען מיר „שפרעכען“ אז ניט דייטש?

איז אויפגעשטאנען דער שטענדיגער געגנער פונ'ם קאפיטאליסט, דער סאציאליסט, דאס הייסט דער יודיש-רוסישער סטודענט מיט'ן שווארצען העמדעל, און האט זיך אנגערופען אויף זיין געמישטען יודיש-רוסישען דיאלעקט:

— וואפערוויך (ערשטענס), סאמניעוואיע איך זיך (צווייפעל איך) אויב אלע פערשטעהען וופאלניע (פאלקאם) די דייטשע שפראך, און וואוטאריך (צווייטענס). בין איך אובעזשדיאן (איבערצייגט) אז די באלשינסטווא (מעהרהייט) פון אונזערע סאבראניע (פערזאמלונג) זענען נא סטאראניע (אויף דער

זיינט) פון דער רוסישער שפראך, עס איז ביי מיר קאק הוואשדי דווא (ווי צוויי מאל צוויי)!

— פשעפראשאם (האט קיין פאראיבעל)! שפרינגט ארויס דער אסימילאנט פון משה רבינו'ס פאליאקען. — איך פראטעסטיר געגען דער שפראך פון די מאסקאוויטער! מיינע יאסנאוועלמאזשנע קאלעגען פרעזידענטען זאלען מיר פאלגען, וואלטען זיי אויסגעקליבען נור די פוילישע שפראכע, די שפראכע אויף וועלכער דער גרויסער מיצקיעוויטש האט געשריבען זיין „פאן טאדעאוש"...

— מערסי באקו (א שענעם דאנק)! — שטעלט אריין איהר ווארט אויף די מאדאם, די איינציגע פרוי אויף אונזער אינזעל. — ווער וועט פערשטעהן אייער מיצקעוויטשעס שפראך? אונזער שפראך דארף זיין נאך מיין מיינונג די פראנצויזישע, די דיפלאמאטישע וועלט-שפראכע. וואס קען זיין שענער ווי אז מען רעדט פראנצויזיש? אומעטום, וואוהין איהר קומט אין א געזעלשאפט, וואס פאר א שפראך הערט איהר רעדען? פראנצויזיש. קליינע קינדער אז איהר הויבט אן צו לערנען רעדען, וועלכע שפראך לערנט איהר זיי? די פראנצויזישע! מעסיע! מאדלע פראנסע, סיל וואו פלע! מיינע הערען! רעדט פראנצויזיש!

— מיסטער טשערמאן! לײדיעס ענד דזשענטעלמען! — אזוי האט אנגעהויבען דער אמעריקאנער אטעאיסט זיין „ספיטש" געלאסען, מיט א פינגער אונטערן קעסטעלדיגען וועסטעל און מיט איין פוס פאררוקט, ווי אלע מאל. — איך וועל אייך בעטען איהר זאלט מיר עקסקיוזען (מוחל זיין), איך וועל פערנעהמען אייער צייט מיט סטאטיסטיק. ביי אונז אין אמעריקא זאגען מיר: טאים איז מאני — צייט איז געלד. לײדיעס ענד דזשענטעלמען! וועלכע שפראכע ווירד אם מעהרסטען געניוזט (גענוצט) אויף דער וועלט? די ענגלישע! עס איז מעהר ווי בעוואוסט אז דריי פערטעל פון דער גאנצער מענשהייט ספיקען (רעדען) ענגליש. אונטער זיי רעכענט זיך זעקס הונדערט מיליאן אין דהי יונייטעד סטייטס אף אמעריקא.

— פון וואנען האט זיך גענומען צו אייך זעקס הונדערט מיליאן אין אמעריקא? אויף וויפיל מיר איז בעוואוסט פון דער געאגראפיע צעהלען די פעראייניגטע שטאאטען נישט מעהר ווי...

אזוי האט זיך אנגערופען איינער פון אונז (מיר דאכט, אז דאס בין איך געווען), איך האב געמיינט אז מיין אמעריקאנער וועט ניט וויסען וואו אהינצוטהון זיך פאר בזיון, צום סוף האט ער מיר נאר געמאכט דעם גרעסטען בזיון.

האט א קוק געטהון אויף מיר פון אויבען אראב און נישט ארויסנעהמענדיג דעם פינגער פון דער קעסטעלדיגער זשילעט, מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעלע:

מיסטער! איהר וועט מיר עקסקיוזען וואס איך וועל אייך זאגען, נעהמט אייער געאגראפיע און ווארפט זי אריין אין ים אריין. אייער געאגראפיע ווייס אזוי פיעל וויפיעל איהר און איהר אזוי פיעל וויפיעל אייער געאגראפיע. פון וואנען שטאמט אייער געאגראפיע? פון יוראפ? אלל רייט!..

זינט גאט האנדעלט מיט עזות-פנים'ער האט ער נאך אזא אנ'עזות-פנים נישט בעשאפען. איך האב זיך שיעור נישט בעגראבען אויפ'ן ארט, ווארום אלע אויגען האבען געקוקט אויף מיר, און אויף אלע פנים'ער האט זיך צו-גאסען א שמייכעלע, עס איז מיר געבליעבען נור איין זאך: פערבייסען די ליפען און מאכען א שוויג...

און דער אמעריקאנער דזשענטעלמען האט דערווייל פארטגעזעצט זיין סטאטיסטיק און האט „געספיקט" ווייטער, געשאסען מיט מיליאנען, זיך אפילו קיין קרים ניט געטהון, לויט זיין סטאטיסטישען חשבון האט בעדארפט אויס-קומען, אז ארום און זענען פארהאן מענשען אויף דער ערד א מיליארד צוויי הונדערט מיליאן, אונטער זיי צעהלען זיך ענגליש שפרעכענדע אמערי-קאנער זעקס הונדערט מיליאן, אין ענגלאנד פיער הונדערט מיליאן, אין אינדיען אכט הונדערט מיליאן, אין אויסטראליען דריי הונדערט מיליאן, אין יוראפ און אין אנדערע לענדער צוויי הונדערט מיליאן, סך הכל ארום און זענען ענגליש-שפרעכענדע כמעט צוויי מאל אזוי פיעל וויפיעל עס איז דא מענשען אויף דער גאנצער וועלט... נאכדעם ווי ער איז פערטיג געווארען מיט זיין סטאטיסטיק, האט ער אריינגעלייגט דעם אנדערן פינגער אין דער קעסטעל-דיגער זשילעט און האט זיך געווענדעט צו אונז אלעמען מיט'ן גרעסטען פא-טהאס:

— רופט מיר אן נאך אזא שפראך אויף דער גאנצער וועלט, וואס זאל פארמאגען אזא שעקספיר ווי מיר פערמאגען, אזא מילטאן, אזא בייראן!? ליידיס ענד דזשענטעלמען! עס וואלט געווען מעהר ווי רעכט, אז מיר, די דרייצעהן פרעזידענטען אף דהי יונייטעד סטייטס אף דהי פוירסט רעפובליק אף איזראיל, זאל'ען אנערקענען נאר די ענגלישע שפראכע אלס פאליטישע און נאציאנאלע שפראכע.

— נאציאנאלע שפראכע?! — חאפט זיך אויף דער נאציאנאליסט מיט פייער און מאכט מיט הענד. — א חרפה און א בושה! ווי שעמען זיך ניט יודען פארצושלאגען אויף זייער אייגענע טעריטאריע מען זאל זיך בענוצען מיט

פרעמדע לשונות אין דער צייט ווען מיר האבען אונזער אייגענע אלטע שענע הייליגע פרעכטיגע שפראך לשון הקודש? א שאנדע און א געלעכטער, אז יודען זאלען נתפעל ווערען פון פרעמדע מיצקעוויטשעס, מילטאנס און בייראנס, און פערגעסען זייערע אייגענע גרויסע דיכטער; וואו איז ישעיהו? וואו איז ירמיהו? וואו איז יחזקאל? און וואו איז חבקוק? איך פרעג אייך, אדרבה, זאגט איהר אליין, וואס איז שענער: צו איך זאל זאגען למשל אויף דעם צוברעכענעם פאני לשון:

„די ערשטע אסנאוועס צו דער קאנסטיטוציע פון די דרייצעהן סאיעדיניאנע שטאאטען פון דער פערווי יעווריסקי רעספובליקא“?

צו איך זאל זאגען אויף דער שפייענדיגער ענגלישער שפראכע:

„דהי פוירסט סטעטשיוטס טו דהי פוירסט קאנסטיטושאן אף דהי טהוירטין יונייטער סטייטס אף דהי פוירסט רעפובליק אף איזראיל“?

אדער איך זאל בעסער זאגען אויף אונזער אייגענעם לשון הקודש:

„הסטאטוטים הראשונים של הקאנסטיטוציה הראשונה של שלש עשרה שטאאטים של הרפובליקה הראשונה בישראל?“ איך פרעג אייך, ווי לאנג נאך וועלען מיר זיין שקלאפען, וואס אנערקענען נור דאס וואס ביי יענעם, דערפאר וואס איז ביי יענעם ניט ביי אונז? שעמען דארפען מיר זיך! דרייצעהן זענען מיר אהער ארויסגעווארפען געווארען פונ'ם שיקזאל, דרייצעהן קינדער פון איין פאלק, פון איין גלויבען, דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען האבען מיר דא געגרינדעט, נאר דער האר ווייסט וויפיעל אונז איז באשערט דא צו פערבלייבען! פאר וואס זאלען מיר זיך ניט בעדעפטען אלע דרייצעהן אונטער איין פלאג? פאר וואס זאלען מיר ניט האבען אלע דרייצעהן איין שפראך, אונזער אייגענע הייליגע שפראך, לשון הקודש? מיר אלע דרייצעהן דארפען האבען איין גאט, איין גלויבען, איין תורה, איין שפראך, איין היסטאריע, איין לאנד...

— הידד!!! — האט אונטערגעכאפט דער ציוניסט, און דער אידעאליסט מיט'ן ארטאדאקס האבען איהם אונטערגעהאלטען, און אלע דריי האבען זיי א חאפ געטהון מיט א ניגון אויף א קול, און די מאדאם האט אויך מיטגעזונגען:

עוד לא אבדה תקותנו,<br>
התקוה הנושנה,<br>
לשוב לארץ אבותינו —<br>
לעיר בה דוד ח———נה!

מערקווירדיג! אויף קיינעם האט דאס ליעד ניט געמאכט אזא שלעכטען איינדרוק ווי עס האט געמאכט אויפ'ן טעריטאריאליסט. ער האט זיך פשוט קיין ארט ניט געקענט געפינען. ער איז עטליכע מאל אויפגעשטאנען, זיך אוועקגעזעצט צוריק, און ווידער אויפגעשטאנען און אנגערופען זיך:

— זעהר געעהרטע קאלעגען! עס איז וואר, אז די שפראכפראגע איז אזוי וויכטיג ווי די פראגע פון א טעריטאריע. און אזוי ווי די פראגע פון דער טעריטאריע איז ביי אונז אלס איינס: וואס פאר א טעריטאריע אבי א טעריטאריע, אזוי איז אויך די פראגע פון דער שפראך ביי אונז אלס איינס; וואס פארא שפראך אבי א שפראך. און אום צו מאכען איין עק מיט דעם דיספוט וועגען שפראך און אום עס זאל ניט זיין קיין קנאה שנאה — „מיין שפראך, דיין שפראך", לייג איך פאר מיר זאלען זיך דא אויסארבייטען גאר א נייע שפראך, איין אלגעמיינע וועלט-שפראך, א מין „וואלאפיוק", אדער „עספעראנטא".

— בראווא! בראווא!

לויט די געשרייען „בראווא" מיט'ן אפלויז, ווייזט אויס, אז דער פראיעקט פונ'ם טעריטאריאליסט וועגען „וואלאפיוק" אדער „עספעראנטא" האט ביים עולם שטארק אויסגענומען. אפשר איז זיי דער פראיעקט געפעלען דערפאר, וואס זיי האבען ארויסגעזעהן, אז עס שטעהט זיי פאר אן ארבייט. עס וועט דערווייל זיין וואס צו טהון... בעשאפען א נייע שפראך, איין אייגענעם וואלאפיוק, בעדארף זיין זעהר איין אנגענעהמע ארבייט. עס איז גאנץ מעגליך, אז מיר וואלטען זיך נאך דעם זעלבען טאג אוועקגעזעצט אלע ביי אונז אין אונזער „פאליטישען קלוב", דאס הייסט, אויפ'ן בארג אונטער א בוים, און מיר וואלטען זיך גענומען צו דער ארבייט — אויסטראכטען נייע ווערטער מיט נייע נעמען. איז מיר אבער איינגעפאלען א געדאנק, איך זאל אויך זאגען א ווארט. אייגענטליך, אלס שריפטשטעלער וואלט מיר אין דער שפראכפראגע געקומען דאס ערשטע ווארט. איך בין אבער בטבע אזא מענש, וואס איך האב ליעב אומעדום זיין דער לעצטער. איך געה מיט דעם גאנג, אז סאי ביים עסען, סאי ביים רעדען מאכט דער לעצטער תמיד בעסער.

— רבותי! — האב איך מיר אנגערופען איצטינס מאל אויף פראסט ידיש — איך מוז מיך מודה זיין, אז איך בין איינפערשטאנדען מיט'ן לעצטען רעדנער, מיט'ן טעריטאריאליסט. דאס הייסט, איינפערשטאנדען בין איך, אייגענטליך, מיט אלעמען, נור מיט איהם בין איך נאך מעהר איינפערשטאנדען, ווי מיט אלע אנדערע. פאר אונז, דרייצעהן פערייניגטע שטאאטען

פון דער ערשטער יודישער רעפובליק, איז ניטא קיין בעסערע, קיין שענערע, קיין מעהר פאסענדע שפראך ווי „וואלאפיוק" אדער „עספעראנטא". איך וויל אייך נאר מאכען א קליינע בעמערקונג, אז אויף אונזער „וואלאפיוק" דארפען מיר לאנג ניט ארבייטען. מיר האבען איהם שוין א פארטיגען. דאס איז אונזער יודיש לשון, אונזער פאלקס-שפראכע, וואס מען רופט דאס „זשארגאן".

— זשארגאן?.. די שמוציגע שול-הויף שפראכע?.. צאינה וראינה-עברי טייטש?.. דער גהעטא-דיאלעקט?.. גנבה'ש לשון?..

אזעלכע שפיץ-ווערטער זענען מיר געפלויגען פון אלע זייטען. איך האב דאס איבערגעטראגען גאנץ רוהיג און האב גערעדט ווייטער:

— איך האב געוואוסט, אז איהר וועט דאס זאגען, איך בין געווען אנגעברייט דערצו, נאר עס אהרט מיך ניט. ווייסט איהר פארוואס? ווייל איך וויים, אז איהר וועט מיך אויסהערען, וועט איהר זאגען, אז איך האב רעכט. לאמיר קארשט גוט בעטראכטען, וואס איז אזעלכעס וואלאפיוק? וואלאפיוק איז א שפראך וואס בעשטעהט פון קורצע ווערטער, האט ניט קיין גראמאטיק און איז לייכט צו שטודירען. וואו האט איהר נאך אזא שפראך מיט אזוי פיעל קורצע ווערטער ווי אונזער זאגענאנטע זשארגאן? אז מיט איין „עט", אדער מיט „בע", אדער מיט „נו" קאנט איהר ארויסזאגען אזוי פיעל, וואס אן אנדער שפראך וואלט ביי אייך צוגענומען דערויף מי יודע וויפיעל פלאץ, און ווער שמועסט פון אזעלכע ווערטער ווי: „נו-נו", „טע-טע", „מילא", „שייך", „הייסט עס", „ממה נפשך" — א גאנצע קאנווערזאציאנס לעקסיקאן!.. און וואס גראמאטיק אנבעטרעפט, וועל איך אייך פרעגען, וועלכע שפראך איז נאך אזוי צופאהרען מיט דער גראמאטיק, ווי אונזער זשארגאן? און וועגען דעם עס זאל זיין לייכט צו שטודירען איז גאר ניטא וואס צו רעדען. וואס קען זיין נאך לייכטער ווי צו ערלערנען א שפראך, וואס מען פארשפארט זי גאר שטודירען? עס איז דאך טאקי לעכערליך! ווער פון אונז דרייצעהן אויף אונזער אינזעל פערשטעהט ניט קיין יודיש? און אומעדום אויף דער גאנצער וועלט, וואהין איהר זאלט ניט קומען קענט איהר ניט רעדען אונטער יודען אויף יודיש? איך אליין קען מיך בעריהמען, האב דורכגערייזט א וועלט מיט מיין זשארגאן, געווען שוין אין אמעריקא אויך, און דאנקען גאט, מען האט אומעדום געלאכט, א סימן אז מען האט מיך פערשטאנען... אלזא, רבותי, אונזער שפראך איז

וואָלאַפּיוּק, און אונזער וואָלאַפּיוּק איז אונזער יודיש, אונזער פֿאָלקס־שפּראַכע. עס לעבע דאָס פֿאָלק! עס לעבע די פֿאָלקס־שפּראַכע! הוררא!

— הוררא! — האָבען אונטערגעכאַפּט דריי פֿערטעל פֿון אונזער פֿערזאַמלונג. אָבגעשוויגען האָבען צוויי: דער קאַפּיטאַליסט און דער אַסימילאַנט, און דער אַמעריקאַנער עזות־פּנים איז ניט יוצא געווען מיט אָבשווייגען אַליין. ער האָט געפֿונען פֿאַר נויטהיג אַריינלעגען צוויי פֿינגער אין מויל און אויספּייפֿען מיך, ווי גאָט האָט געבאָטען. איך האָב איהם אָבער געהערט מיט'ן קאָטער. מיין פּראָיעקט וועגען „יודישען וואָלאַפּיוּק" איז אָנגענומען געוואָרען מיט דעם גרעסטען אַפּלויז. דער פּראָסטער מענש, אָדער ווי ער הייסט ביי אונז, דער פּראָלעטאַריי, איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר לאַנג־לאַנג געטרייסעלט מיין האַנד און געדאַנקט.

באַלד נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבען אַ שפּאַרעריי, וואָסער זשאַרגאָן מיר זאָלען געברויכען? און אָט דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה. יעדער האָט זיך געמעלדעט צום וואָרט. פֿריהער פֿון אַלע האָט גערעדט, ווי געוועהנליך, דער קאַפּיטאַליסט. ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז ווי באַלד שוין יאָ זשאַרגאָן, זאָל ער כאָטש זיין ריין, אויסגעפּיינט בעפּוצט מיט ריינע דייטשע ווערטער, מיט מעהר פּתח'ן ווי קמץ'ן. אַנשטאָט „וואָס" זאָל זיין „וואַס", און אַנשטאָט „דאָס" — „דאַס". מיט פּתח'ן זעהט דאָס אויס פֿיעל שעהנער... זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז איהם האָט באַלד איבערגעשפּאַרט דער סאָציאַליסט. ער האָט אויפֿגעגעבען אַ „פּרעדלאָזשעניע" (פֿאָרשלאַג), אַז יעדער זאָל רעדען „פּאָ סוואָיעמו" (ווי ער וויל). דאַן איז אויפֿגעשטאַנען דער אָרטהאָדאָקס, דער ליטוואַק, און האָט אונז געוואָלט איינרעדען, אַז דער ריינסטער זשאַרגאָן איז דער וואָס מען רעדט ביי זיי אין דער ליטאָ. אַ ביישפּיעל האָט ער געבראַכט טאַקי פֿון די ווערטער: „וואָס" און „דאָס". ביי אונז זאָגט מען אויף וואָס — וואָס און אויף דאָס — דאָס, און ביי זיי זאָגט מען אויף וואָס — וואַס און אויף דאָס — דאַס... דער משל מיט'ן „וואָס" און מיט'ן „דאָס" האָט אַפּנים שטאַרק פֿערדראָסען דעם אַסימילאַנט, אָדער דעם וואַרשעווער אינטעליגענט פֿון משה רבינו'ס פּאָליאַקען. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ווי אַן אָנגעבריהטער. דאָס גאַנצע בלוט איז איהם אַריין אין פּנים, און ער איז אָנגעפֿאַלען אויפֿ'ן אָרטהאָדאָקס און האָט איהם געגעבען ויפֿיעל ס'איז אין איהם אַריין. ער האָט איהם געזאָגט וואָס אין דער קאָרט: „ליטוואַק"! „צלם קאָפּ"! „לאָבוס"! „פּיפּערנאָטער"! „אָקסענהאָרן"!

„תרנגול“!.. און נאך אזעלכע שארפע ווערטער, וואס איך האב גאר קיין מאל ניט ערווארטעט פון אזא עכטען פאליאק ער זאל אזוי ווייט זיין א זשארגאניסט!

נאטירליך האבען ביידע צדדים געהאט אנהענגער און געגנער: איינינגע האבען געהאלטען מיט'ן ארטהאדאקס, אז דער אמת'ער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין דער ליטא, און אייניגע האבען געהאלטען מיט'ן אסימילאנט, אז דער פיינסטער זשארגאן איז דער, וואס מען רעדט אין פוילין. האט זיך ארייגעמישט, געווענליך, אויך דער אטעאיסט, דער עזות מחוצף פנים, און האט געזאגט, אז דער ליטווישער זשארגאן מיט'ן פוילישען זשארגאן טויגען ביידע אויף כפרות. דער אמת'ער זשארגאן איז גאר דער, וועס מען „יודט“ איהם ביי זיי אין די יונייטער סטייטס אף אמעריקא. ער האט זיך אוועקגעשטעלט אין זיין געווענליכער פאזע, דאס הייסט, איין פוס אויפגעהויבען און די הענד אונטער דעם וועסטעל און האט געמאכט א תל פון אונז אלעמען.

— וואס פאר א זשארגאן איז דאס ביי אייך אין יוראפ — האט ער געטענה'ט — אז אלסדינג איז ביי אייך פאפעריק מיט די פיס ארויף? א לייידי הייסט ביי אייך ווייב, א האט הייסט ביי אייך הוט, א וועסט הייסט זשילעט, בוטס הייסען ביי אייך שטיוועל, ראום איז ביי אייך א חדר, פארניטשור איז מעבעל, פיקטשור איז א בילד, פייפער איז גאזעט, מאני איז געלד, פון טשיקען ווערט ביי אייך א הוהן, פון קיטשען א קיך ענד זא ווייטער... הייגט געהמט ווי אזוי ספעלט איהר אייערע ניימס (נעמען): דזשעק איז ביי אייך יאנקעל, דזשאן איז ביי אייך יונה, אייב איז אברהם, טשארלי איז חיים, אייק איז מרדכי ענד זא ווייטער, ענד זא ווייטער.

עס פערשטעהט זיך, אז דער „ספיטש“ האט פערדראסען דעם איבריגען עולם, און ניט אזוי דער „ספיטש“ אליין ווי דער טאן מיט וועלכען דער אמעריקאנער דזשענטעלמאן האט זיך ערלויבט צו דיקטירען ווי אזוי מען זאל שרייבען יודיש. דער עולם האט זיך גענומען היצען און שרייען אלץ העכער און העכער, און גאט ווייסט מיט וואס די דעבאטען וואלטען זיך געענדיגט, ווען עס זאל זיך ניט געווען טרעפען א זאנדערבארער צופאל, אן אזוי-סערגעווענליכע מעשה, וואס האט געמאכט א סוף צו אלע אונזערע דעבאטען און צו אונזערע דרייצעהן פעראייניגטע שטאאטען, ווי עס ווערט דערצעהלט ביי אונז אט באלד אין די לעצטע פון אונזערע בעשרייבונגען.

---

# אַן אוֹצר פון קלאַסישע ליטעראַטור.

אַלע 5 באַנדער פון

## „הויז פריינד".

רעדאַגירט פון מ. ספעקטאָר.

פון דעם „הויז פריינד" איז שוין לאַנג ניט געווען צו בעקומען אַלע בענדער, און פיר די ערשטע צוויי בענדער אַליין האָט מען געצאָהלט 5 רובל. יעצט האָט די פערלאַג „פראָגרעס" אָפּגעדרוקט די בעסטע ליטעראַטור פון אַלע 5 בענדער; עס ענטהאַלט אומגעפעהר 1500 זייטען אויף שעהן פאַפּיער.

אין דעם אוצר פון די קלאַסישע ליטעראַטור „הויז פריינד" קומט אַריין היסטאָרישע און וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען, רייזעבעשרייבונגען, ערצעהלונגען פון דער נאַטור געשיכטע, ידיעות וואָס יעדער מענש דאַרף וויסען, לעבענס-בעשרייבונג פון גרויסע לייט, נייע ערפינדונגען, אַנעקדאָטען, שענע מעשׂות, גלייכע ווערטליך, שכל'דיגע רייד פון גרויסע לייט, ערצעהלונגען, ראָמאַנען, פּאָעזיע פון פאָלגענדע ליטעראַטען און דיכטער:

אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים); איזאַבעללאַ; אייזענשטאַדט; אמת; בערנשטיין; ברוידעס ר.; גאָלדפאַדען; גאָרדאָן י. ל.; גאָרדאָן מ.; גוידא; דאָליצקי; דאמארעצקי; דינעזאָהן; דרוקער; האָלבערג; האָפמאַן; ווייסבערג; וועבער; זאַמאָשטיין; זוסמאַנאָוויטש; זייפערט; זאַטילאָווסקי; זאַגאָראָדסקי; יאָנאַטזאָהן; יהואש; כהן; ליליענבלום; ליטינסקי; לערנער; סמאָלענסקי פ.; ספעקטאָר; עטינגער; פינסקי; פרוג; פרץ; פרישמאַן; פריעדבערג; פרענק; פריד; צווייפעל; צונזער; ציטראָן; קייזער; ראַבינאָוויטש; רבי קצין; רייזבערג; שלום-עליכם; שר של ים און נאָך אַנדערע שרייבער.

אום אַלע זאָלען קענען פערשאַפען דעם אוצר פון קלאַסישע ליטעראַטור האָבען מיר געשטעלט דעם פּרייז פיר דאָס גאַנצע ווערק 2 רובל, מיט פּאָרטאָ 2.50. געבונדען אין 2 פּראַכט-בענדער נאָך 1 רובל.

Я. ЛИДСКІЙ, Варшава, Налевки 36. (Телефонъ 61-63.)